מאָמענט

ארי ווייזער אויף א דראמאטישע און אינטערעסאנטע זעקס-טאגיגע נסיעה צו דער 'רוסישער פעדעראציע'

# רוסלאנד

**Момент драматической и насыщенной событиями поездки в Россию**

**ספעציעלער יום-טוב פראיעקט**

פסח תשפ"ד



ביים ליינען די אפיציעלע סטעיטמענט פון דער אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט, וועלכע ווידמעט א בלאט צו ווארענען אמעריקאנער בירגער איבער אונטערנעמען רייזעס צו דער רוסישער פעדעראציע, מיט א "שטאפל פיר" ווארענונג, וועלכע איז די מערסט דראמאטישע און מערסט ערנסטע ווארענונג דורך דער אגענטור. אין רויטע דראמאטישע ווערטער דערקלערט די סטעיט דעפארטמענט די אפיציעלע אומצווייִדייטיגע ווארענונג: "פארט נישט קיין רוסלאנד!"

די סטעיט דעפארטמענט שרייבט: "צוליב די קאנסענקווענצן פון דער אומפראוואקאצירטער פולקאמער אינוואזיע אויף אוקראינע דורך די רוסישע מיליטערישע קרעפטן, פארמערן זיך די שאנסן צו ווערן ארויסגעקליבן אלס אמעריקאנער בירגער, און ווערן געפייניגט אדער ארעסטירט דורך די רוסישע רעגירונג'ס זיכערהייט באאמטע. צוליב די געצוימטע פליגערס אריין אדער ארויס פון רוסלאנד, די אמבאסאדע'ס געצוימטע מעגליכקייטן צו העלפן אמעריקאנער בירגער, און די מעגליכקייט פון טעראריזם, ווערן אמעריקאנער בירגער אויפגעפאדערט צו פארלאזן און נישט פארן קיין רוסלאנד, און מען זאל זיין זייער פארזיכטיג וואס מען טוט צו פארמיידן אומגעזעצליכע ארעסטן.

"די אמעריקאנער רעגירונג'ס מעגליכקייט צוצושטעלן רוטינע אדער עמערדזשענסי סערוויסעס פאר אמעריקאנער בירגער איז שווער איינגעצוימט און איינגעבינדן, ספעציעל אין געגנטער ווייטער אוועק פון דער אמעריקאנער אמבאסאדע אין מאסקווע, צוליב די רוסישע רעגירונג'ס צוימונגען אויף טרעוול פאר אמבאסאדע שטאב מיטגלידער, און בכלל צוליב די אנגייענדע סוספענדירטע אפעראציעס, אריינגערעכנט קאנסולער סערוויסעס ביי די אמעריקאנער קאנסולאטן.

"עס זענען פארהאן מערערע באריכטן איבער דראון אטאקעס, אויפרייס מאטעריאל און פייערן אין מערב און דרום רוסלאנד, ספעציפיש נעבן דעם רוסישן גרעניץ מיט אוקראינע און סט. פעטערבורג. אמעריקאנער קרעדיט און דעביט קארטלעך ארבעטן נישט מער אין רוסלאנד, אפציעס צו טראנספערירן געלט עלעקטראניש פון אמעריקע זענען עקסטעם באגרעניצט צוליב די סאנקציעס ארויפגעשטעלט אויף רוסישע בענק, און עס זענען פארהאן באריכטן איבער א קעש מאנגל אין רוסלאנד.

"די רעכטן פאר פרידליכע פארזאמלונג און פרייהייט פון אויסדרוק ווערט נישט באשיצט אין רוסלאנד. אמעריקאנער בירגער זאלן זען אויסצומיידן אלע פאליטישע אדער געזעלשאפטליכע פראטעסטן, נישט פאטאגראפירן קיין זיכערהייט באאמטע ביי די סארט אווענטן, ווייל רוסישע אויטאריטעטן האבן ארעסטירט אמעריקאנער בירגער וועלכע האבן זיך באטייליגט ביי דעמאנסטראציעס, און פיל זענען געווארן ארעסטירט נאר פארן אויסדרוקן זייער מיינונג אויף קאמוניקאציע פלאטפארמעס.



"אמעריקאנער בירגער, אריינגערעכנט ביזנעסלייט וועלכע האבן געמוזט באזוכן רוסלאנד אדער געפינען זיך אין רוסלאנד, זענען געווארן אויסגעפארשט און ארעסטירט אן קיין אנגעבליכע סיבה, און זיי זענען געווארן געסטראשעט דורך רוסישע באאמטע. אמעריקאנער בירגער וועלכע באזוכן דארט זענען שוין געווארן שלעכט באהאנדלט, געפייניגט און אפילו בא'גנב'עט פון געלט. בירגער אונטער ארעסט זענען צוריקגעוויזן געווארן פון באקומען יושר'דיגע און ערנטליכע באהאנדלונג, און זיי זענען אנגעקלאגט געווארן אין געהיימע פראצעסן, אן פרעזענטירן סיי וועלכער באגלייבטער באווייז.

"א לעצטיגע לעגיסלאציע האט אויסגעברייטערט די מעגליכקייט פון דער רוסישער רעגירונג צו קענען ארעסטירן, אויספרעגן און שטעלן פראגעס פון אינדיווידואלן וואס זענען פארדעכטיגט אין זיך אויפפירן קעגן רוסישע אינטערעסן. טעראר באנדעס און אינדיווידואלן אינספירירט דורך עקסטרעמע אידעאלאגיע, זעצן פאר דורכצופירן אטאקעס אין רוסלאנד, די טעראריסטן קענען אטאקירן אן קיין פריערדיגע ווארענונג, צילנדיג טוריסט לאקאציעס און טראנספארטאציע צענטערן".

די סטעיט דעפארטמענט ווארנט אויך צווישן אנדערע איבער דער שוואכער קוואליטעט פון דעם רוסישן אוויאציע סיסטעם, וועלכער ליידט פון סאנקציעס און קען נישט פארזעצן אנצוהאלטן די העכסטע סטאנדארטן פון זיכערהייט מיט אירע פליגערס, און מעכאנישע מאלפונקציעס עקזיסטירן און הויערן ארום דער גאנצער רוסישער פלי-ווירטשאפט.

דאס אלעס האט געשאפן ערנסטע צונאמי ווארענונגען אין מיין הארץ. ביי מיר אין בויך האבן זיך געדרייט די קישקעס פון זארג און איבערגענומענקייט אינאיינעם, אבער דער באשלוס איז געווען זייער קלאר: מען גייט קיין רוסלאנד.

אנדערש ווי אונזער באזוך אין אוקראינע, ווען אונזער שרייב קאריערע איז געווען דער גאנצער וועזן און ציל, און אינאיינעם מיט א גרופע פראמינענטע זשורנאליסטן פון ארץ ישראל און פון די פאראייניגטע שטאטן האט מען אונז געפירט איבער שטעגן און וועגן, מיר האבן געקענט נעמען בילדער און פרעגן פראגעס מיט א פרייהייט, איז אבער אלעס אנדערש אין דעם פאל.

"דו קענסט נישט קומען אלס שרייבער, דו מוזט זיך אנגעבן אלס א טוריסט", קלינגען מיר די ווערטער פון הרב יהושע דייטש, פון די גרויסע עסקנים און אנדרייער פון דער אידישער קהילה אין דער רוסישער הויפטשטאט.

מיין אבסעסיע זיך אפצושאקלען פון סיי וואס פון אוקראינע האט נאכגעפאלגט צו קומען. צו מאכן דעם מצב ערגער, בין איך געווארן מער באזארגט נאכן רעאליזירן אז איך בין געווען אין אוקראינע מיט א יאר צוריק, אין טאקע אין הארץ פון קיעוו, און נישט סתם אין קיעוו, נאר אין דעם הויז פון דעם ערגסטן און מערסט געצילטן פיינט פון רוסלאנד, נישט קיין אנדערער ווי פרעזידענט וולאדימיר זאלענסקי, רעדנדיג

מיט זיין שטאב.

איך בין געווארן פארנומען צו מעקן סיי וועלכע פרא-אוקראינע מעסעדזשעס וואס קענען מעגליך ליגן ביינאנד מיט מיין אידענטיטעט, און איך האב זיך געזארגט צו שאפן נייע פאספארטן אן דעם זיגל פון די שטאלצע אוקראינער, אויסצומיידן איבריגע פראבלעמען.

איינמאל מען האט איינגעגעבן דעם טוריסט וויזע, האט מען א פארצאפלטער געדארפט ווארטן אויף א באשטעטיגונג פון די רוסישע באאמטע צו געבן ערלויבעניש פאר דעם "מאָמענט" מאגאזין צו קומען נעמען נאטיצן, זיך אומקוקן און דעקן דאס לאנד, צו קענען אהיימברענגען שטאף פאר דער יום טוב'דיגער אויסגאבע פון חג הפסח בס"ד.

"דאס מיינט, אז בילדער וועט זיין א פראבלעם", האב איך זיך פון פאראויס אויסגעשמועסט מיט דער "מאָמענט" רעדאקציע, וועלכע האט באלד איינגעזען אז צוליב דער ריזיקאלישער סיטואַציע וועט מען קיין אפיציעלן פאטאגראפירער נישט קענען מיטשיקן צו פאראייביגן די רייזע, "אבער מען וועט זיך שוין אן עצה געבן דארט אויפן פלאץ", איז געבליבן.

'די ליינער וועלן מוחל זיין די פראפעסיאנאלע בילדער פאר אזא געוואגטער און דראמאטישער רייזע, און האפנטליך וועט מען יא קענען נעמען בילדער אויף א פארזיכערטן וועג', זענען די מחשבות געלאפן אין די שפעטע נאכט שטונדן ווען די מער ערנסטע און ערוואקסענע ווארטזאגער געדאנקען האבן געשטעלט דעם טאן און דערקלערט זייער ווידערשטאנד איבער דער געפארפולער און שרעק אויסזעענדער אונטערנעמונג, און דערמיט פארשטערט דעם שלאף פון איבערנעמען קאנטראל און טון זיין פליכט.

## טרעוול אינשורענס: מיר דעקן נישט רוסלאנד!

ווי נאר די וויזע איז געווארן באשטעטיגט, האבן מיר באשטעלט רייזע בילעטן. וויבאלד רוסלאנד איז אין א שווערן געפעכט מיט דער מערב וועלט, זענען נישט פארהאן קיין דירעקטע אדער גרינגע רייזעס אהין.

די אפציעס זענען ווי פאלגנד: פארן דורך טערקיי און זיין אויף א פליגער פאר 17 שטונדן, אדער פארן דורך קאטאר און סאודי אראביע, און זיצן אויף א פליגער פאר 21 שטונדן.

איך האב געדארפט פאסן דעם באשלוס פון זיצן אויף א פליגער פאר באלד גאנצע פיר און צוואנציג שטונדן, אדער שניידן אביסל פון דער רייזע צייט און רייזן דורך טערקיי, וועלכע געפינט זיך אין גאר א פארהאסטן צושטאנד מיט אידן אין רעזולטאט פון דער אנגייענדער מלחמה אין עזה.

איך האב באשלאסן אז אראפנעמען אכט שעה פון דער רייזע וועט זיין גרינגער, די זארגן פון די אוואנטוריסטישע שטיק פון רייזן קיין רוסלאנד האבן געמאכט דעם אפשטעל אין טערקיי אלס א קינדער שפיל.

ווען מיר האבן זיך אריינגעלייגט אין די



דעטאלן און איינצלהייטן פון פארן קיין רוסלאנד, האבן מיר זיך נאכגעפרעגט ביי די אלצווייסער איבער טרעוול אינשורענס. זיי האבן מיט א פולן מויל געזאגט אז טרעוול אינשורענס קען מען ווייטער מאכן און נאר אין אוקראינע זענען פארהאן פראבלעמען, ווייל דער פאקטישער שלאכטפעלד איז אין אוקראינישע טעריטאריע.

בלאס בין איך אבער געווארן צו הערן פון איין אגענט וועם איך האב גערופן, אז די פריערדיגע איז נישט ריכטיג און מען קען נישט מאכן קיין רייזע אינשורענס פאר רוסלאנד. דער ענין איז מיר געווען גענוג וויכטיג, און איך האב גערופן נאך איינעם וועלכער האט ווי עס שיינט פארמאגט בעסערע אייגנשאפטן, און ביז א האלבע שעה האבן מיר געהאט טרעוול אינשורענס.

די פרייד האט אבער אנגעהאלטן פאר בלויז איין טאג. ווי נאר די טרעוול אינשורענס פייל איז אנגעקומען צו די וועלכע דארפן דאס באשטעטיגן, האבן זיי צוריקגעוויזן און סוספענדירט מיין פייל. "אנטשולדיגט, אבער רוסלאנד איז נישט קיין לאנד וועלכע קען באקומען אונזער זיכערהייט דעקונג אין דער יעצטיגער צייט", האט מיר דער אגענט טרוקן דערקלערט ווען איך האב שוין פארמאגט רייזע פיבער.

צו זיין פאראנטווארטליך דאס מערסטע וויפיל עס איז שייך, האב איך באשלאסן זיך צו גיין אונטערזוכן אין שפיטאל, צו מאכן זיכער אז מיין געזונט צושטאנד איז אמבעסטן. איך האב געזאגט פארן דאקטער אז איך פאר אויף א ווייטער רייזע און איך קען נישט מאכן קיין אינשורענס, און איך וויל פארזיכערן אז איך לייד נישט פון גארנישט גרויס אדער קליין. א מילדע אינפעקציע אדער א קליינער פראבלעם אין אן אנדערן לאנד איז גארנישט אזוי פשוט, און איך בין געווען אויסן צו פארמיידן יעדע קאמפליקאציע וואס איז מעגליך. הערשט ווען דער דאקטער האט באשטעטיגט אז זאכן זענען אין בעסטן ארדענונג געלויבט דער פון אויבן, האט מען זיך ווייטער גערוקט מיט דער רייזע.

גאנצע שאכטלען פון שאלן, הענטשקעס, מאנטלען און פעלצן האט מען איינגעפאקט אין רענצל, מען פארט דאך צו א לאנד וואו די קעלט שניידט דורך די ביינער אין דער שנעלקייט פון אן אויגנבליק. מיר האבן אויך געדענקט מיטצונעמען אמעריקאנער באנקנאטן, נאך וואס אין רוסלאנד קען מען נישט לעת עתה סוויפן קיין איין מערב וועלט קרעדיט קארטל אין רעזולטאט פון די סאנקציעס. איך האב זיכער געמאכט מיט דעם ארטיגן עסקן הרב יהושע דייטש אז ער וועט מיר אפווארטן מיט רוסישע רובל, און דאס מיר אויפטוישן, איך זאל קענען האבן צו דער האנט אין פאל מען דארף עס וויכטיג.

די ערפארונג פון פארן אויף א רייזע פאר א מאגאזין פראיעקט, קען באטראכט ווערן אדער טאקע פאקטיש זיין א געשמאקע ערפארונג. מען פארט מיט א גרופע, דער בילדער כאפער, דער שרייבער, אדער צומאל עטליכע שרייבערס אינאיינעם, מען גייט, מען דעקט, מען האלט מיט אינאיינעם, און מען האט דעם פארגעניגן פון שרייבן איבער דער רייזע, אבער דא איז געווען אנדערש. צוליב דער קאמפליצירטקייט פון דעם לאנד,



מיר לאזן זיך ארויס דעם לאנגן וועג פון ניו יארק קיין רוסלאנד, מיט אן אפשטעל אין טערקיי

האט קיינער נישט געוואלט מיטקומען, סיי צוליב די ריזיקעס וואס דאס נעמט אריין, און סיי צוליב וואס דער פרייז צו פארן אויף רוסלאנד איז זייער טייער אין רעזולטאט פון דעם געצוימטן צאל רייזעס וואס זענען פארהאן און דער לאנגער אומוועג וואס מען דארף פארן.

א פאטאגראפיסט וואלט געהויבן אויגן ברעמען, צוליב וואס מיר זענען נישט ערלויבט צו קומען אלס זשורנאליסטן, און צו פארן באלד צוואנציג שעה צו א לאנד וואס האט פיינט די מערב וועלט, אינאיינעם מיט אלע אנדערע געוואלדיגע מעלות, איז א קאמבינאציע וואס זאגט זיך זייער גרינג אפ. צוליב דעם האבן מיר זיך געטראפן איינזאם אין דער אונטערנעמונג, דאך אנטשלאסן דאס אויסצופירן.

מיר האבן געוואוסט אז מיר פארן אליין, אבער מיר האבן זיך מחזק געווען אז דער ציבור וועט מיטקומען מיט אונז, נאר מיט א שטיק צייט שפעטער, ווען עס וועט אי"ה געדרוקט ווערן און מען וועט דערפון הנאה האבן.



דער הערליכער לופטפעלד אין איסטאנבול, טערקיי

א נאכט איידערן פארן, ווען אלעס איז שוין געווען צוזאמגעפאקט, האב איך זיך הארציג געזעגנט פון מיין באליבטע פאמיליע, אריינגערעכנט מיין זיסער פינף יעריגער בכור שלומי. איך האב אים אין כתה אלף שפראך ערקלערט אז טאטי גייט פארן מיט אן עראפלאן און אים אהיימברענגען א גוטער געשאנק.

מיט א תמימות'דיגער איידלקייט זאגט מיר מיין זיסקייט מיט א זארגלאזער שטימע, "טאטי, גיי קיין ארץ ישראל, זאג פאר דעם דרייווער".

דאס איז דער שווערסטער טייל פון אלעם, זיך צו באפאסן מיט בענקעניש צו די באליבטע פאמיליע מיטגלידער ווען מען ווייסט אז מען לאזט זיך ארויס אויף א רייזע פון א וואך צייט.



דער ווונאקאווע לופטפעלד איז ממש געווען אויסגעליידיגט פון מענטשן

## דינסטאג פר' יתרו

### צייט צו פליען!

מיט אן ענטוזיאסטישער שטימונג האט מען זיך געלאזט אין וועג צום קענעדי אינטערנאציאנאלער לופטפעלד אין ניו יארק, אריינשטעקנדיג אין טערמינאל איינס וואו עס אפערירט די טערקישע לופטליניע.

נאכן זיך משפיל זיין פארנט פון די טי-עס-עי אגענטן, האט מען פארגעזעצט צום געיט וואו ארום 12:50 פארמיטאג האט מען זיך בס"ד געהויבן אין די לופטן פאר א רייזע וואס נעמט נאנט צו צען שטונדן, פליענדיג אויף א הייך פון 10,675 מייל.

מיר שפאצירן דורך דעם שמאלן קארידאר, און באקומען זיך ארויף אויף דעם אייזערנעם פויגל, אויף וועלכן מיר וועלן פארברענגען פאר לאנגע שטונדן. מיר כאפן א שנעלן בליק אויפן פליגל זיכער צו מאכן אז עס פעלן נישט קיין פיר שרויפן דערפון [מיר טוען נייעס באריכטן פאר פרנסה, אויב איר האט נישט פארשטאנען זענט איר פארנומען מיט וויכטיגערס ווי נייעס. קודאס צו אייך...].

איך האב ארויסגעקוקט פון פענסטער און פארגעסן מיין יארגאנג. זייט מודה, מען קען פארגאפט ווערן פון דער מאסיווער אפעראציע און הו-הא וואס שפילט זיך אפ ארום א לופטפעלד, אזויפיל דעטאלן און מיני איינצלהייטן דארפן פאלן אין פלאץ אז אלעס זאל שטימען, בלויז כדי א איד זאל באקומען זיין כשר'ע מאלצייט, זענען אזויפיל פארמישט.

עס קומט צו שטוינען פון אלעס וואס קומט פאר, מיט טראקס און טרעקלעך אין אלע סארטן, מאָסן און פארמאטן, שלעפער געצייגן און אייזערנע אינזלען וועלכע פארן ארום מיט בלינצלדיגע לעמפלעך 24 שטונדן אין טאג, מיט א מיליטער פון ארבעטער, שטאב געהילפן, דרייווער און ראבאטן, קאנוועיער בעלטס וואס שפייען רענצלעך און אייזערנע קעסטלעך, אזש די אויגן קענען שווינדלען פון דער וויבערירנדער סצענע.

דאס פארטייבנדע גערודער פון אנקומענדיגע און אפרייזנדיגע פליגערס מאט אלעס אינטערעסאנטער. דא פליט ארויס א פליגער קיין כינע, א מינוט שפעטער קומט אן א פליגער פון סאודי אראביע – א דערמאנונג אז עס גייט פאר א וועלט אינדרויסן פון דער רוטינער זאנע.

מיר האבן באקומען א זיץ ביים פענסטער און געקענט הנאה האבן פון דער פארגאפנדער געשעעניש און אויסטערליש אינטערעסאנטע פראצעדור פון דעם עראפלאן וועלכער מאכט זיין וועג צו די וואלקנעס. אן אוויאציע ערפארונג וועט בלייבן א באגייסטערונג נישט קיין חילוק



די אויפנאמע קארידארן שטייען פוסט, דער לופטפעלד איז ליידיג צוליב דער מלחמה




פלאקאטן אין מאסקאווע וועלכע פראפאגאנדירן איבער די העלדן פון דער רוסישער מיליטער



דער לופטפעלד אין מאסקווע האט שוין געזען מער פארנומענע צייטן. פילע מאשינען ליגן אומבאנוצט און פארשנייט, טוריזם איז געפאלן צוליב די סאנקציעס

וויפיל מאל מען וועט זיין א טייל דערפון.

אויפן זיץ נעבן מיר האט זיך געזעצט א טערק. אין א פארזוך צו מאכן לייכט דעם אטמאספער און זיין מענטשליך, האב איך אים באגריסט און זיך פארגעשטעלט. כ'האב אים געמאלדן אז אויב עפעס שטערט אים זאל ער זיך שפירן פריי מיר צו בעטן, כ'האב געהאפט ער זאל מיר נישט בעטן צו באפרייען פאלעסטינע.

מיר האבן זיך צונויפגערעדט לייכטערהייט, און דער טערק האט זיך עפעס אנגערופן אז איך זע אויס זייער נערוועז. איך האב אים דערציילט אז איך פארמאג שרעק פון הייך, ממש אויף א שווערן פארנעם, און איך בין זייער אומרואיג. "דו האסט נישט מורא זיך צו געפינען אין א פליגער אזוי הויך?" פרעג איך אים צוריק, אויף וואס זיין ענטפער קומט באלד, "ניין, איך געטרוי עראפלאנען, איך געטרוי פילאטן, מען פליט שוין יארן לאנג און די טעכנאלאגיע ווערט נאר מער פארגעשריטן".

זיין ענטפער האט מיר געשיקט כוואליעס פון מחשבה, איך האב באלד געשפירט אז ב"ה איך קען זיך פארלאזן אויף עפעס העכערס ווי אויף פילאטן און עראפלאנען, וועלכע זענען גארנישט מער ווי צעקאליעטשטע קעסטלעך און אומגליקליכע מענטשן אין פאל וואס פון אויבן באשליסט מען אז דער פיצקעלער עראפלאן שטויבל זאל ארויסגיין פון עקזיסטענץ ח"ו. די געדאנקען האבן מיר בארואיגט, איך האב סייווי גארנישט פון וואס מורא צו האבן האב איך זיך איבערצייגט. דער סקרין האט געצייגט זיבן שעה צו גיין ווען א מאלצייט איז סערווירט געווארן.

דער שכן האט באקומען א פארציע סעלמאן פיש, און מיר האבן באקומען א כשר'ן מאלצייט. איך האב געעפנט דעם מיסטעריעזן שאכטל, א בילקעלע מיט א קאנטעינער מאטבוחא האבן מיר געווארט דארט אזוי שעמעוודיג.

איך האב גענומען דעם פלאסטישן גאפל און פרובירט צו געניסן פון דעם געטונקעכץ. איך האב מיט אפעטיט ארייגעשטעקט דעם גאפל אינעם סאלאט, ווען צו מיין ערשטוינונג האט זיך דער פלאסטישער גאפל צעטיילט אין צוויי. דער אויבערשטער טייל האט געמאכט אן עמערדזשענסי לאנדונג אויפן טעצל פון מיין שכן, וועלכער האט מיר אנגעקוקט מיט נייגער איבער דער גאפל-וואראפעריי, דרייסיג טויזנט פיס העכער דעם ערד-קוגל.

כ'האב באלד אנגעהויבן פארשן דעם אינצידענט, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער סאלאט האט געוואוינט אין פריזער ביז א נישט וויטער פארגאנגענהייט. דער בחור איז געווען פארפרוירן.

נו, שוין, האט מען געעפנט דעם וואסער שאכטל פארפאקט אין א קאנטעינער וואס ווערט גענוצט פאר יאגורט געוועגליך, צו מיין ערשטוינונג איז עס געווען לווילעך און ווארעם ווי א זופ, ווי כאילו דער גאנצער מאלצייט זאל דא דינען ווי א צינישער דורכגאנג. איך האב באלד פארפאקט די גאנצע זאך, און צוריקגעגעבן פאר די



מאנשאפט מיטגלידער אנגעטון אין רויטע מונדירן.

איך האב זיך געוואונדערט פארוואס זיין א איד באדייט הונגערן, און פארוואס דער שטיקל סעלמאן האט זוכה געווען אנצוקומען צום נישט-אידישן מאגן...

ווען מען פליט מיט פארשידענע סארט לופטליניעס, איז עס זייער מערקווירדיג אויפצופאסן פארשידענע אבזערוואציעס און אייגנשאפטן פון אלע פעלקער און קולטורן וואס השי"ת האט באשאפן. אויף טויקיש עירליינס קען מען מיטהאלטן די טערקישע מיטל-מזרח קנייטשן וואס דערקענט זיך אויף טריט און שריט – די קאבינעט מעלדונגען אויף דער לאקאלער שפראך, און די אלע אנדערע סארט איינצלהייטן וואס דערציילן אסאך איבער דער נאציאנאליטעט און קולטור.

אויף דער לופטליניע האט מען אינמיטן פארטיילט געוויסע מיטל-מזרח'דיגע קולטור עסן ווי קרעקערס באגילדעט מיט איילבירטן אויל, און די זיסע סארט בעקלאווא עסנווארג פאר די טערקישע רייזנדע.

ביים פארענדיגן די רייזע בין איך געווען פארגליווערט ווי א שטיקל גאלע. צען שעה אויף א פליגער דארף מען קענען, מיינע ביינער האבן זיך שיין געלייגט דרימלען און זיי צו דערוועקן איז נישט געווען אזוי גרינג.

מיר האבן געלאנדעט אין איסטאנבול, די הויפטשטאט פון טערקיי, ארום 7:58 צופרי לאקאלע זייגער. איך האב מיט א אידישער אנטשלאסנקייט ארומשפאצירט מיט מיין אידישע טראגעג, צו צייגן פאר דעם ערדואן און זיינע פריינט אז דאס אידיש פאלק גייט נישט אין ערגעץ, און זיין רעטאריק טוט קיינעם אינטערעסירן. איך האב ב"ה נישט געשפירט קיין שום היץ, און אז יא וואלט עס אויך נישט שלעכט געווען, פארנדיג צו אזא קאלטן ארט ווי רוסלאנד. אין פאקט האב איך פארגעסן אין וועלכן לאנד איך דריי זיך, נאר אינמיטן האב איך זיך פשוט דערמאנט אז דאס איז די שרעק אנווארפנדע טערקיי...

דער לופטפעלד פארדינט א באזונדערן פאראגראף. די גיגאנטישע געביידע איז ממש א שטאט. עס איז פארטיג געווארן אין יאר 2018 און רענאוואציע גייט נאכאלץ אן. עס האט געקאסט צוועלף מיליאן אמעריקאנער דאלאר דאס אהערצושטעלן, און מען קען פשוט ארויסגיין פון התפעלות ווי ריזיג און פראכטפול דאס איז אהערגעשטעלט געווארן, ממש אומגלויבליך. ריזיגע סקולפטורן און קונסט שטיקער באצירן דעם גאנצן לופטפעלד, דאס ווארט 'גרויס' טוט נישט געגוג באצייכענען דאס וואס עס איז.

די איינציגסטע זאך וואס טוט דערמאנען דעם מיטל-מזרח קאנפליקט צווישן מדינת ישראל און כאמאס, איז א גיגאנטישער סקרין וועלכער שילדערט מיט גרויסע העדליינס "עזה אונטער אטאקע", מיט בילדער און פרעזענטאציעס אהערצושטעלן גוטע פראפאגאנדע פאר דער באפעלקערונג אין עזה, פאר אלע דורכגייער און באזוכער פון אלע לענדער.

מיר האבן דאן געכאפט דעם פארבינדונגס פליגער ביים צום A4B ארום 10:00 צופרי,

לאקאלער זייגער. א לייכטער מיטל-מזרח רעגן האט געקלאפט אויף אלע גיגאנטישע פענסטערס צום טאקט פונעם פרישן טאג אינעם ראיאן.

## פארוואס פארסטו קיין רוסלאנד?

"פארוואס פארסטו קיין רוסלאנד?", פרעגט מיר דער אגענט וואס גייט מיר צייגן אז ער קען זיין זייער שטרענג. "איך בין א טוריסט, איך גיי באזוכן א גוטן חבר". דער לאזט נישט נאך און פרעגט: "וואס איז דער אדרעס וואו דו גייסט איינשטיין?" אויף וואס איך ענטפער די גוט איינגע'חזר'טע 22 וואסשוועסטקי וואל גאס. ער איז צופרידן דערוויל.

א דיקע געפילדער פון רוסיש אקצענטן האט זיך געהערט פון אלע זייטן, פון רוסישע בירגער מיט רויטע פעדעראציע פאספארטן וועלכע נעמען איינע פון די געציילטע רייזע אפציעס וואס פונקציאנירן נאך, אהיים צום מוטערלאנד.

האלטנדיג שוין נענטער ווי ווייטער קיין רוסלאנד, האט מיר אנגעהויבן צאפלען דאס הארץ אביסל מיט די נייעס באריכטן וואס מען הערט איבער אוקראינישע דראונס וועלכע פליען לעצטנס אריין און פאראורזאכן שאדנס.

ווען די געדאנקען האבן זיך אנגערוקט, האב איך באלד אנגעהויבן באקומען א שטיקל פערספעקטיוו איבער ווי שווער עס מוז זיין פאר די אידן וועלכע וואוינען אין רוסלאנד און אין אוקראינע.

פאר די לעצטע צוויי יאר, הערט מען גאר פאפולערע אויסדרוקן פון ערווארטונג אז רוסלאנד זאל כאפן מכות, מענטשן שטייען און ווארטן אז רוסלאנד זאל באקומען א פארציע. אזוי גייט עס, מענטשן גלייכן נישט דעם רודף און בויען סימפאטיע צום נרדף.

די אידן וועלכע וואוינען דא, צי ווייל זיי זענען דא אויפגעוואקסן, צי ווייל זיי האבן אויסגעקליבן אויפצוטון פאר שליחות אדער מקרב זיין אידן, ווערן גאר שטארק אפעקטירט פון די אלע אנטוויקלונגען און זיי שפירן עס פון אלע זייטן. מען קומט נישט באזוכן, די לאקאלע אידישע עקאנאמיע ליידט פון אן אנזעץ, פארן און קומען איז געווארן טייער און שווער, כשר'ע עסן און אלע סארט ארטיקלען – פון דזשודעיקא ביז כשר לפסח'דיגע פראדוקטן – זענען פיל טייערער, און דאס איז נאר אויפן שפיץ גאפל. צו דעם אלעם שטייט מען אויס זארגן פון מיסילס וועלכע קענען אנקומען און אויפרייסן, דארף מען זען מתפלל צו זיין פאר אידן איבעראל, און דאווענען פאר שלום.

נאך א רייזע פון ארום דריי און אהאלב שעה פון איסטאנבול צו מאסקווע, האבן מיר ב"ה געלאנדעט אין א קאלטן און פארשנייטן רוסלאנד. דער פליגער איז געווען איינס פון צוויי פליגערס וועלכע האבן זיך אנגעזען אין דעם גרויסן אבער ליידיגן וואנאקאווע לופטפעלד.

ביי דער זייט האט מען גראד געקענט אנמערקן ווי פיל געצייגן ליגן אומבאנוצט



אנגעהויפנט מיט שניי, צוליב דער שוואכער טוריזם אדאנק די וועלטליכע סאנקציעס.

דער לופטפעלד איז אין אן ערנסטן נאכגעלאזטן צושטאנד, די ריזיגע קארידארן זענען פוסט, די לאנגע אויטאמאטישע שינעס וועלכע העלפן די פאסאזשירן שפאצירן שנעלער ארבעטן נישט געהעריג, איינס איז לאנגזאם און איינס איז בכלל נישט אין באנוץ. דער ריזיגער קארידאר איז קאלט און שוואך אנגעהייצט, אויף דער זייט זיצט א לאנגווייליגער פאליציי אפיציר מיט נעבעכדיגע מונדירן און טשאטשקעט זיך מיט זיין טעלעפאן.

דער גאנצער צושטאנד זעט אויס זייער נישט גוט דא, קען זיין אז עס איז אלעמאל אזוי און אנדערע לופטפעלדער זענען נישט בעסער, איך ווייס נישט. דאס איז איינער פון מאסקווע'ס צענטראלע לופטפעלדער, אבער פיל זאכן זענען נאכגעלאזט, מערערע סערוויס בודקעס זענען פארמאכט, דער וועקסלער סערוויס אויפצוטוישן געלט איז נישט אין באנוץ, און די קארידארן וועלכע באהעפטן זיך צו די פליגערס וועלכע לאנדן שטייען ממש ליידיג.

מיר קומען אן צו פאספארט קאנטראל, וואו עס טוט זיך א טיילונג. די רוסישע און בעלארוסישע בירגער ווערן געשיקט רעכטס, און אלע אנדערע פרעמדע בירגער לינקס. עס זענען פארהאן דריי פרעמדע בירגער אין דער ליניע אריינגערעכנט איך.

שטייענדיג אין דער רייע רופט מיר הרב דייטש אריין נאכאמאל ווארענען, "דערמאן נישט קיינעם קיין ווארט אז דו קומסט פאר אן אויסגאבע".

מיינע קישקעס האבן זיך געדרייט ביים געבן דעם פאספארט פאר א שטייפן גרעניץ פאליציאנט וועלכער האט קיין ווארט ענגליש נישט געקענט. ער באטראכט מיין פאספארט פאר א ווײלע און שענקט מיר א ווייסן צעטל אן ערקלערן וואס איך דארף טון דערמיט. שפעטער זאגן מיר די לאקאלע איינוואוינער אז דעם צעטל מוז מען האבן ביים ארויספליען פון לאנד, א מזל אז איך האב עס, עס האט געפעלט א האר אין עס וואלט אנגעקומען אין מיסט.

ב"ה מיין רענצל איז שוין ארומגעשווימען אויף דעם איינציגן קאנוועיער בעלט וועלכער האט געארבעט. מיר האבן ארויסשפאצירט צו דער זיכערהייט שטוב וואו איין אפיציר האט געצייגט ארייןצולייגן דעם רענצל און צוויי אנדערע אפיצירן האבן געקלאצט צום דאך.

**מיטוואך פר' יתרו**

## ברוכים הבאים צו מאסקווע, די הויפטשטאט פון רוסלאנד

ענדליך האבן מיר עס געמאכט. מיר שפאנען ארויס פון לופטפעלד ווערנדיג אפגעווארט דורך א טעקסי מאן וואס האלט דעם אויפשריפט "מאָמענט מאגאזין". מיר גייען ארויס צוזאמען, ווען אויפן וועג האבן אמווייניגסטנס צען אנדערע דרייווערס פרובירט זייער מזל, זוכנדיג צו לייזן נאך א דאלאר. מיין דרייווער האט זיי אלעמען פארטריבן און קלאר געמאכט אז דאסמאל



די שטאט מאסקווע, לויט וויאזוי מיר האבן דאס געזען פון אונזער פענסטער

האט ער דעם קליענט. ווער ווייסט וויפיל שטונדן ער פארברענגט שוין דא.

א קילע ווינטל ענטפענגט אונז, א פארע גייט ווען מען רעדט און עפנט דאס מויל, מיר פלאצירן זיך אינעם קאר און לאזן זיך ארויס אין דער ריזיגער שטאט מאסקווע.

דאס איז א שטאט מיט אזויפיל היסטאריע און באדייט, דאס איז א שטאט וואו ביז היינט, פארמאגן רעגירונג באאמטע מער רעכטן אויף די שאסייען ווי אמבולאנסן און פייערלעשער, און ווען עס פארט א רעגירונג מיטגליד צו דער דומא [פארלאמענט] אדער סיי וועלכער הויכער פירער, דארפן זיך אלע רוקן, זאל ברענען א פייער אדער זאל דער הארץ אטאקע פאציענטווארטן.

די שטאט איז אייגנטליך זייער מאדערן און שיין, פיל לעמפלעך, בילבארדס און אויג-פארכאפנדע פרעזענטאציעס באווייזן זיך פון אלע זייטן. עס זעען זיך אן די הויכע וואלקנקראצערס און ריזיגע אפארטמענט געביידעס וועלכע אקאמאדירן די מער ווי דרייצן מיליאן איינוואוינער אין דער ריזיגער הויפטשטאט.



דער מאסקווע ריווער וואסט געבט א פראכטפולע אויסבליק אויף דער שטאט אין די נאכט שטונדן

מאסקווע איז אלעס אין רוסלאנד. אנדערש ווי די פאראייניגטע שטאטן וועלכע פארמאגט מערערע זאכן אויסגעשפרייט אין לאנד, צוםביישפיל אונטערהאלטונג פראדוקציע אין קאליפארניע, די פענטעגאן אין ווירדזשיניע, אדער היי-טעק ביזנעס אין סיליקאן וואלי, טוט אבער אין רוסלאנד אלעס פארקומען אין דער הויפטשטאט. אלעס איז דארט סטאנציאנירט, די מיליטערישע הויפטקווארטירן, די קעי-דזשי-בי, רעגירונגס אגענטורן, מוזעאומען און אזוי ווייטער, מאכנדיג מאסקווע פאר אן ערנסטער, ווירבלענדער און סטאטוס-טראגנדער שטאט.

נאך א שעה דרייוו אין די סיטי וואס איז יעצט נאס, שנייאיג און שמוציג פון זאלץ און שטיינער, דערגרייכן מיר די געגנט וואו עס וואוינען די היימישע אידן, אומגעפער צען מינוט אוועק פון דעם קרעמלין. עס האט אונז אפגעווארט דעם יד ימינו פון הרב לאזאר, ר' יהושע דייטש, וועלכער האט אונז העפליך אויפגענומען און געצייגט א שטוב וואו מיר קענען זיך פלאצירן.

עס האט נישט גענומען לאנג און ר' יהושע קלאפט אין טיר, "ביסט געקומען אין א גוטער צייט, עס גייט יעצט פארקומען



ביים כאפן א שפאציר נעבן דעם קרעמלין אין די נאכט שטונדן

א הערליכער מעמד אין שטאט, דרייסיג בחורים פון דער לאקאלער ישיבה גייען באקומען סמיכה צו ווערן שוחטים".

מיר זעצן זיך אריין אין קאר און פארן ארויס צו דעם עלטסטן אידישן בית הכנסת אין מאסקווע, וואס איז לאקירט אויף דער "בראנשייע בראנייע" גאס.

אויפן וועג דערציילט מיר ר' יהושע איבער וואס עס קומט דא פאר. עס איז פארהאן אין רוסלאנד א איד וואס הייסט הרב יצחק קוגאן שליט"א, וועמען מען רופט מיטן נאמען "דער צדיק פון לענינגראד". דער טייערער איד איז אויפגעוואקסן אין רוסלאנד און געהאלטן אידישקייט מיט גרויס מסירת נפש און געטון אסאך פאר אידישקייט.

ווען די עלטסטע אידישע שול אין רוסלאנד איז געווען אין א געפאר פון ווערן אפגעקויפט, האט הרב יצחק איבערגעדרייט וועלטן און נאך אסאך מסירת נפש באוויזן אפצוקויפן די שול.

ער האט דאן צוזאמגעשטעלט ריזיגע געלטער און ארויפגעבויט א פראכטפולע געביידע, לאזנדיג די אלטע סטרוקטור זיין א טייל פון דער געביידע.

מען האט דאס הערליך אהערגעשטעלט אז ווען מען קומט אריין זעט מען די אלטע וואנט. מען האט ארויפגעבויט עטליכע שטאק וואו עס געפינט זיך היינט די ישיבה, און עס קומען דא בחורים פון פיל ערטער ארום די וועלט לערנען. אין די לעצטע צוויי טעג זענען אנגעקומען צוויי רבנים פון ארץ ישראל צו פארהערן די בחורים, און זיי וועלן היינט באקומען דעם פארדינטן כבוד.

נאכן דורכגיין די זיכערהייט פראצעדור ענליך ווי אין לופטפעלד, ווערנדיג אונטערגעזוכט מיט מעטאל דעטעקטארס, שפאנען מיר אריין אין דער געביידע. ר' יהושע ציינט מיר וואו עס זעט זיך אן דעם ארגינעלן געבוי פון דער אלטער שול וועלכע מען האט פרעזערווירט. מיר גייען אריין אינעווייניג, אויף דער לינקער זייט איז פארהאן א הערליכער כשר'ער בוטשער מיט אלע געשמאקע און פרישע פליישן גע'שחט'ן דא אין לאנד, אונטער דעם אויפזיכט פון דעם הויפט-רב הרב לאזאר. "עס זענען פארהאן עטליכע פאבריקן דא אין שטאט, מען מאכט א געוואלד מיט כשר פלייש און מען שיקט עס אפ אין גאנץ רוסלאנד".



א טונעל וואס אידן אין רוסלאנד האבן געבויט אין שול, צו קענען אנטלויפן אין פאל די קעי-דזשי-בי קומט אן אינמיטן דאווענען



דער מסירת נפש איד הרב יצחק קוגאן שליט"א, וועמען מען רופט מיטן נאמען "דער צדיק פון לענינגראד"



אידישקייט שפרודלט אין רוסלאנד. ביים אוונט פאר כבוד התורה, פאר איבער דרייסיג בחורים וועלכע זענען געווארן כשר'ע שוחטים

"די בחורים וואס האבן היינט געלערנט שחיטה וועלן זיין טייל פון דער שחיטה?" פרעג איך פון ר' יהושע, אויף וואס ער ענטפערט אז דער רב האט איינגעפירט אז פאר שוחטים ווערן נאר אויפגענומען פארהייראטע, אבער אין די שטעטלעך ווערן די בחורים ערלויבט צו שחט'ן אונטער דעם אויפזיכט פון די לאקאלע רבנים, און אזוי לערנט מען זיך.

דאס געשעפט פארמאגט אלעס אויף א הערליכן מאדערנעם פארנעם, אין א גלאז הענגען פלייש וועלכע ווערן "פארעלטערט" צו זאמלען א גוטן טעם, און אזוי אויך זענען פאראן פיל אידישע דזשודעיקא פראדוקטן וואס מען קען זיך איינהאנדלען, פון קאפלעך ביז ספרים און אלעס אינדערמיט אויפן רוסישן שטייגער. ר' יהושע ערקלערט מיר אז דא מוז מען צושטעלן שיין און קלאסיש, ווייל דאס מאכט א רושם אויף אלע סארט אידן, און עס שלעפט אידן וועלכע האבן נישט מיט אידישקייט.

"פון גשמיות, שלעפט מען זיי אריין צו רוחניות", איז מיר ר' יהושע מסביר, "עס ארבעט נישט אז מען עפנט דא א שול און מען זאגט פאר די אידן קום. וואס קום? וואס דאווענען? זיי האבן שוין נישט געטון אין אידישקייט פאר לאנגע יארן, עס איז אויסגעריסן פון זייער הארץ. רופט מען זיי קום עסן, קום שפילן, און צוביסלעך איז מען זיי מקרב".

ר' יהושע דערציילט ווייטער איבער דעם: "דא אין שול קען איך דיר אנצייגן אויף א איד מיט א לאנגער בארד, אן ערליכער, ער דאווענט מיט א פלייס, אן עכטער שומר תורה ומצוות, וואס אט דער איד האט מיט עטליכע יאר צוריק גארנישט געקענט. די איינציגסטע זאך וואס ער האט פארמאגט מיט אידישקייט איז אז ער פלעגט קומען שפילן טעניס - וואס דאס איז אזא סארט שפיל. אין דעם צענטראלן בית המדרש פון הרב לאזאר שליט"א, אויפן זיבעטן שטאק, האט מען אהערגעשטעלט א ספעציעלן שפיל צימער. דער איד פלעגט קומען דריי יאר שפילן, און ער האט נישט אריינגעטראטן אין שול. ער איז געקומען, זיך געשפילט און אהיימגעגאנגען.

נאך א ווילע, האט דער איד אנגעהויבן ווערן באקאנט אביסל מיט אידישקייט, ער איז געווארן באקוועם דערמיט, און זיך איינגעגלידערט מער און מער מיט דער הילף פון אלע טייערע אידן וועלכע טוען דא אין קירוב, און היינט איז דער איד א בעל תשובה, אן ערליכער אז עס לאזט זיך נישט גלייבן.

איך שטוין, "א טעניס שפיל צימער האט מען געבויט? הרב לאזאר האט ביים בויען די שול ספעציעל אינזין געהאט אהערצושטעלן די סארט פארוויילונגען מיטן ציל צו שלעפן אידן?" פרעג איך מיט נייגער.

"יא, ווי איך זאג דיר, מען שלעפט זיי מיט גשמיות, און מען פארוואנדלט זיי אין איין שטיק רוחניות, מיט ליבשאפט".

ווי נאר ער ענדיגט דאס זאגן, שפאצירט אונז פארביי א יוגנטליכער מיט קורצע ערמל און גרויסע טאטוען אויף דער האנט,



און איך הייב אן פארשטיין מער וואס דא גייט פאר. "אידן קומען דא פון איבעראל. שליחים אין פארווארפענע שטעט הייבן אן מיט דער ארבעט, מיר באקומען דא אידן פון בעלארוס, פון רוסלאנד, און פון פיל אנדערע ערטער אויף דער וועלט".

דער אונטערשטער שטאק פון דער געביידע באשטייט פון דער היסטארישער שול, דער צווייטער שטאק דינט אלס ווייבער שול פאר דער אלטער שול און די ישיבה, דער דריטער שטאק איז א נייע גרעסערע שול וועלכע מען נוצט דורכאויס די ימים טובים און שיינע שבתים, עס ווערט אויך גענוצט אלס זאל, און עס געפינט זיך דארט א קליינער קינדערגארטן און א מוזעאום. דער פערטער שטאק דינט אלס ווייבער שול צו דעם דריטן שטאק, און אויף דעם פינפטן שטאק איז פאראן א פליישיגער רעסטוראנט מיטן נאמען "דזשערוסעלעם", מיט דער השגחה פון דעם הויפט-רב.

## אנטדעקט א טונעל אין שול...

יהושע עפנט די טויערן פון דער היסטארישער שול אויפן אונטערשטן שטאק און גייט צו צום ארון הקודש. ער צייגט מיר דעם טעפיך און בעט מיר דאס אויפצוהייבן. איך פאלג, און עס אנטדעקט זיך א דעקל וואס דעקט עפעס צו. מיר נעמען אראפ דעם דעקל, און עס אנטדעקט זיך א לאך אראפ צו א טונעל.

טונעלן ברענגען קאשמארן אין די טעג, מיט כאמאס און 770 זייענדיג פארנומען מיט טונעלן. דער טונעל איז אבער א שטיק היסטאריע פון די צייטן ווען רעליגיע איז געווען פארבאטן און אידן האבן זיך געדארפט מוסר נפש זיין צו קומען דאווענען. דער טונעל האט געדינט די אידן צו אנטלויפן אין פאל וואס די אויטאריטעטן זענען אנגעקומען. "איך מוז אראפגיין אונטן", זאג איך פאר ר' יהושע, וועלכער ענטפערט מיר אז דער עק פונעם טונעל איז שוין פארשפארט געווארן מיט צעמענט.

עס פלעגט לויפן ביז דער עק גאס, און מען האט דארט געקענט ארויסקומען, לעצטנס האט א באנק אפגעקויפט יענעם שטח און געבויט דארט א באנק לאקאציע. "וועסט נאר שמוציג ווערן", האט ער מיר געווארנט, און עס איז געבליבן אז מען וועט נישט אראפגיין.

## שיינער אוונט פאר כבוד התורה

מיר זענען דאן ארויף צום מעמד חלוקת פרסים, און די פייערונג צו אפצייכענען דעם סיום פון די חשובע בחורים. ר' יהושע איז געווען זייער ענטוזיאסטיש און פרייליך נאך וואס זיין זון איז אויך פון די מסיימים. ער האט באגריסט זיין בחור'ל וועלכער איז געקומען צולויפן ווי נאר ער האט באמערקט זיין טאטע.

די פילצאליגע בחורים זענען געזעצן מיט אן איידלקייט ביי דער רעכטער זייט, אויפן אויבנאן האבן זיך אנגעזעצן די חשובע

שטאב מיטגלידער פון דער ישיבה אין שפיץ פון דעם ראש ישיבה הרב קוגאן שליט"א, און ביי דער לינקער זייט זענען געזעצן די עלטערן און מיטגלידער פון דער קהלה וועלכע זענען זיך געקומען מיטפרייען. א שיינע סעודה איז סערווירט געווארן מיט לאקאלע סארט עסנווארג, און דער מעמד איז געווארן באשיינט דורך צוויי חשובע רבנים וועלכע זענען געקומען פון ארץ ישראל צו פארהערן די בחורים.

עטליכע בחור'לעך זענען זיך געקומען פארשטעלן פאר מיר. איינער פון זיי קומט פון שיקאגא אין די פאראייניגטע שטאטן און דער אנדערער פון ארץ ישראל. ביידע רעדן א פליסיגע ענגליש און זיי דערציילן מיר אז זיי געפינען זיך שוין אין דער ישיבה פאר צוויי יאר.

נאך עטליכע דרשות, וואו צווישן אנדערע האט מען ארויסגעברענגט אז די ישיבה האט שוין ארויסגעגעבן איבער טויזנט תלמידים, האט מען פארטיילט פרסים פאר די בחורים, און דאן האט מען זיי איבערראשט מיט א שיינעם טארט וועלכער האט פארמאגט א שיינע מזל טוב אויפשריפט אין דער רוסישער שפראך, אהערגעשטעלט דורך דער קאך פון דער ישיבה. אויף דעם טארט האבן געברענט אזוינעווארפנדע פייער צינגען ארייַנצוברענגען א לוסטיגער מצב, די בחורים האבן געשטראלט פון דער גאנצער אויפמערקזאמקייט און טראסק.

דאן האבן זיך די בחורים און שטאב געשטעלט פאר א שיין בילד, ווען זיי זינגען מיט פרייד לעבעדיגע ליובאוויטשער געזאנגען, מיט ווערטער און אן ווערטער. עס איז געווען זייער אייגנארטיג צו זען ווי אידישקייט אפערירט אין רוסלאנד מיט אזא שיינקייט, און כדי דאס נאכמער ארויסצוברענגען, האט זיך ר' יהושע אנגערופן צו מיר מיט שטאלץ, "דו זעסט וואס דא קומט פאר? מען קומט פון ארץ ישראל און פון אמעריקע צו לערנען תורה אין רוסלאנד".

## אין "דזשערוסעלעם" רעסטוראנט

נאך דעם הערליכן אוונט אפצוגעבן כבוד התורה, זענען מיר ארויפגעגאנגען צום פינפטן שטאק, וואו עס געפינט זיך דער כשר'ער רעסטוראנט "דזשערוסעלעם", וואס סערווירט די אידישע געמיינדע אין רוסלאנד.

מיר האבן זיך אוועגעזעצט איבער טיי, און אנגעהויבן ארומרעדן איבער דעם צושטאנד אין רוסלאנד.

הרב דייטש האט פולשטענדיג גענומען דעם צד אז דער רוסישער פרעזידענט פוטין איז גערעכט מיט זיינע טאטן די לעצטע עטליכע יאר, און ער האט ערקלערט אז די רוסישע עקאנאמיע ליידט טאקע פון מערב וועלט סאנקציעס, אבער זינט דאן האבן די רוסישע איינוואוינער אנגעהויבן דרייען די אייגענע עקאנאמיע אויף א שטארקער פארנעם, ווען אנשטאט פארן צו אנדערע לענדער אנטדעקט מען וואס עס



איז אלץ דא אין לאנד זעלבסט. "רוסלאנד איז א הערליכער פלאץ וואס פארמאגט פון אלעם. פוטין איז גאר א שטארקער און גוטער פרעזידענט, ער האט אריינגעברענגט נייע צייטן אין לאנד, אידישקייט בליט דא ווי קיינמאל פריער, מען קען זיך דא ארומדרייען ווי א חסידישער איד אן קיין שום זארג".

אויף מיין אנפראגע איבער דעם אינצידענט אין דאגאסטאן, רוסלאנד, וואו מוסולמענער זענען איבערגעפאלן א לופטפעלד, האט ר' יהושע געענטפערט אז דער אינצידענט איז נישט דורך גלאטיג, עס זענען געווען מאסן ארעסטן, און מען האט פיין רעאגירט דארט מיט שטראפן און אונטערדרוקונג.

"אודאי סימפאטיזירן מיר מיט די אידן אין אוקראינע", ענטפערט ר' יהושע איבער די שוועריקייטן פון אידן אין אוקראינע, "זיי זענען זיכער גארנישט שולדיג, אבער דאס אז אוקראינע קעמפט קעגן רוסלאנד איז נאר צוליב אמעריקע, וועלכע קען נישט פארגינען אז רוסלאנד איז א שטארקע לאנד. פארוואס מישט זיך אמעריקע אריין?" האט ער נישט געקענט פארשטיין, "אמעריקע איז ניטאמאל קיין שכן דא אין ראיאן, פארוואס דארף אמעריקע מישן איר נאז אין דער גאנצער וועלט?".

ער האט געהאט א לענגערע ערקלערונג איבער דעם אז דער אוקראינישער אויפשטאנד קעגן דעם פרא-רוסישן פרעזידענט וויקטאָר יאנוקאוויטש אין יאר 2016, איז געווארן געשטופט דורך לענדער מיט אגענדעס, און רוסלאנד קען זיך נישט לאזן טרעטן מיטן ברענגען אירע פיינט צו אירע גרעניצן.

אויף מיין פראגע צו דאס איז וויאזוי א דעמאקראטיע דארף אויסזען, האט ער געהאלטן אז יא, מען דארף אונטערדרוקן מענטשן מיט בייזע געדאנקען. ער האט מיר געשילדערט ווי א באקאנטער זשורנאליסט אויף זיין גאס, וועלכער האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אן אויסגעשפראכענער קריטיקירער קעגן פרעזידענט פוטין ווען ער האט געפירט א קריג קעגן די טשעטשניע רעבעלן, פארפירנדיג אז מען קען זיך נישט אזוי אויפפירן, איז איין טאג געפינען געווארן אן קיין צייכנס פון לעבן, "דאס האלט ראדיקאלן אין קאנטראל".

נאך א לענגערער דעבאטע וואו מיר האבן ארומגערעדט איבער דעם גאנצן קאמפליצירטן קאנפליקט, האט ר' יהושע געווארפן א מערקווירדיגע באהויפטונג, זאגנדיג: "ווען איך וואוין ווען אין אוקראינע וואלט איך ווארשיינליך געהאלטן פארקערט, אבער אזוי גייט עס, חן מקום על יושביו".

דער ביל פון אונזער מינימאלער באשטעלונג איז אויסגעקומען צו 770 רובל, און ר' יהושע האט דאס געצאלט מיט זיין סבערבענק קרעדיט קארטל.

## א שפאציר אין מאסקווע אין די נאכט שטונדן

מיר האבן זיך דאן ארויסגעלאזט אין וועג צו באטראכטן מאסקווע אין די נאכט שטונדן. ר' יהושע האט געפירט זיין קאר




א הערליכע בוטשער געשעפט אין דער שול פון הרב קוגן, מיט אלע גוטע פליישן, גע'שחט'ן דא אין רוסלאנד

צו דעם צענטער פון שטאט, צייגנדיג די גרויסע געביידע פון דער רוסישער ראדא [פארלאמענט], די קעי-דזשי-בי געביידע און אנדערע הערליכע ארכיטעקטור וועלכע באצירן די שטאט.

ער האט דאן פארקירט זיין אויטא און מיר האבן געכאפט א שפאציר אין צענטער פון שטאט. "דא צינדט הרב לאזאר די גרויסע מנורה יעדעס יאר חנוכה", האט ער מיר צוגעוויזן אויף א ספעציפישן ווינקל, נעבן דעם מאנומענט אין אנדענק פון דעם גרינדער פון קאמוניזם, קארל מארקס – א אידיש אפשטאמיגער.

פון דארט האבן מיר שפאצירט אויף א בריק העכער דעם מאסקווע טייך, וועלכער איז הערליך שיין און געבט אסאך צו פאר דער פראכטפולקייט פון דער שטאט, ספעציעל אין די נאכט שטונדן ווען דאס וואסער שפיגלט אפ די גרויסע שטאט. מיר האבן שפאצירט נישט ווייט פון דער גרויסער קרעמלין געביידע וועלכע איז באקאנט מיט די גרויסע רונדיגע שפיצן.



די הערליכע שול, אויף דער בראנשייע בראנייע גאס, געבויט ארום דער עלטסטער אידישער שול אין שטאט, וועלכע איז נאך פרעזערווירט און באנוצט אלס טייל פון דער געביידע

זייענדיג אינגאנצן אריינגעטון אין דעם אטמאספערע, מיט אזא לוסטיגער צופרידנהייט, האב איך געוואלט צוריקברענגען דעם פריערדיגן שמועס איבער דעם קאנפליקט צווישן רוסלאנד און אוקראינע, און איך פרעג ר' יהושע'ן א פראגע דערמאנענדיג דעם נאמען פון אוקראינע'ס פרעזידענט זאלענסקי.

איך זע באלד ווי יהושע רעאגירט גאר אומבאקוועם צו מיין פראגע און קוקט מיר אין די אויגן, ארויסזידנדיג צווישן די ציינער, "דערמאן נישט דעם נאמען דא, דו זוכסט זיך צרות?".

עס האט מיר געלערנט וואס עס מיינט א לאנד אונטער שרעק. איך האב באלד געקוקט רעכטס און לינקס און געהאפט אז מען וועט מיר נישט פארטרייבן קיין סיביר...

מיר האבן שפאצירט ווייטער, און ר' יהושע האט זיך אפגעשטעלט ביי א גרויסן פלאץ, אנווייזנדיג אז דא קומען פאר יערליך די מאי 9 פאראדעס. מאי 9 איז די גרעסטע חגא אין לאנד, עס איז דער טאג וואס די רוסישע קרעפטן האבן באוויזן צו באזיגן די נאציס ביי דעם צווייטן וועלט קריג.

יאר יערליך קומען פאר מאסיווע פייערונגען, דער הויפט-רב וועט אנטיילנעמען מיטן לייגן א קראנץ בלומען



די פילע געביידעס פון דער רעגירונג אין מאסקאווע אין די נאכט שטונדן

אויף א ספעציעלן פייער געדענקמאל און מיטהאלטן די מיליטערישע פאראדעס, זיצנדיג נישט ווייט פון דעם פרעזידענט.

דא אין רוסלאנד איז די אידישע נעץ פון מוסדות א טייל פון דעם לעגאלן סיסטעם. די רעגירונג האלט מיט אלעס, און פארלאנגט אז יאר יערליך דארפן זיך אלע אידישע שליחים צוזאמנעמען צו קענען אנהאלטן באקאנטשאפט און זיך העלפן איינער דעם אנדערן.

טאקע יעצט גרייט מען זיך צום יערליכן כינוס השליחים אין לאנד, ווען די שליחים וועלן קומען פון אלע עקן רוסלאנד, און עס וועלן פארקומען ספעציעלע פראגראמען פאר די מענער און באזונדער פאר די פרויען, זיך אויפצופרישן און באקומען חיזוק און געדאנקען אויף ווייטער.

רוסלאנד איז אזוי גרויס, אז עס זענען פארהאן ניין באזונדערע צייט זאנעס. ווען דא איז טאג, איז אין ביראבידזשאן נאכט. די שליחים וואוינען דא אויסגעשפרייט און עס אפערירט דא ווי א וועלט פאר זיך.

מיר האבן דאן געזען דעם קרעמלין פונדערווייטנס. פוטין האט שוין ווארשיינליך פארלאזט זיין הויפטקווארטיר פארן טאג, דער רוסישער פרעזידענט וואוינט אין דער שטאט סאטשי, אינדרויסן פון מאסקווע, וועלכע איז א ברעג-שטאט און פארמאגט א שיינעם אויסבליק צום שווארצן ים.

## א לעקציע איבער קאמוניזם...

מיר האבן ווייטער שפאצירט, און ר' יהושע צייגט מיר א גרויסע געביידע, וועלכע פארמאגט דעם אויפשריפט "פיר סעזאן האטעל".

"זעסט ווי די רעכטע זייט פארמאגט געקעסטלטע סארט פענסטערס?" פרעגט ער. "יעצט קוק אויף דער לינקער זייט, דו זעסט רונדיגע סארט פענסטערס? אקעי, דאס האט אן אינטערעסאנטע היסטאריע", טראגט מיר ר' יהושע צוריק צו דער עפאכע פון סטאלין ימ"ש.

"יארן צוריק, ווען סטאלין איז געווען פרעזידענט פון לאנד, האט אים איין טאג אנגעכאפט אז ער וויל מען זאל בויען א גיגאנטישער האטעל נישט ווייט פון דעם קרעמלין, אזוי אז טויזנטער פרעמדע




די עלטסטע שול אין מאסקווע פרעזערווירט, ארום דעם האט מען אויפגעבויט א הערליכע אידישע צענטער מיט זאלן, געשעפטן, עס-זאלן און קלאס צימערן




פאליציי נעבן דעם אידישן צענטער, אין מארינע רושע געגנט, אין ליכט פון די אומרוען אין מיטל מזרח




דער ריזיגער אידישער צענטער און בית המדרש, און מארינע רושע געגנט, אונטער דער פירערשאפט פונעם הויפט-רב הרב בערל לאזאר שליט"א

בירגער וועלן זיך דא דורכדרייען און קענען זען די שיינקייט פון לאנד.

"אז דער פרעזידענט פארלאנגט, שפאנט מען איין געלונגענע ארכיטעקטן, וועלכע מאכן הערליכע סקיצעס, שטאקן, טירן, פענסטערס, מען מאלט און מעקט, און צו צייגן שעצונג צום פרעזידענט האט מען אהערגעשטעלט צוויי באזונדערע סקיצעס, איינס מיט געקעסטלטע פענסטערס, און דער צווייטער מיט רונדיגע פענסטערס, מען זאל קענען פרעגן סטאלין וועלכער אויסלייג ער גלייכט מער.

"די סקיצע צעטל איז אנגעקומען צום טישל פון סטאלין, ער איז אבער געווען זייער אנגעצויגן און ער האט נישט פארשטאנען פונקטליך וואס מען וויל פון אים, און ער האט געווארפן אן אונטערשריפט פונקט אינמיטן פונעם סקיצע פאפיר. ער האט זעט אויס פארשטאנען אז מען וויל ער זאל אונטערשרייבן אויפן פראיעקט אלס טייל פון א ביוראקראטישער פראצעדור.

"ווען די ארכיטעקטן האבן צוריק באקומען דעם ענטפער פון פרעזידענט, זענען זיי געווארן מער צעמישט ווי פארדעם, נישט וויסנדיג צי ער וויל דעם רעכטן אויסשטעל אדער דעם לינקן. צוריקגיין צום פרעזידענט איבערפרעגן איז נישט געקומען אין באטראכט.

"נו, איז געבליבן אז מען וועט מאכן די רעכטע זייט קעסטלדיגע פענסטערס און די לינקע זייט רונדיגע. דאס איז אפשר אינטערעסאנט ביז אהער", פירט אויס ר' יהושע, "אבער פיל מער באדייטנד איז, אז עטליכע יאר צוריק האט מען רענאווירט די געביידע, און דער פחד פון סטאלין איז נאך געבליבן ביז יעצט. אנשטאט לייגן איין סארט פענסטער, האט מען ווידעראמאל געבויט דעם האטעל ווי אויפן פארלאנג פון דעם פירער וועלכער לעבט שוין לאנג נישט...".

מיר זענען זיך געגאנגען לייגן, נישט איידער מען רופט אהיים קיין אמעריקע צו וואונטשן גוט מארגן פאר דער פאמיליע.

## דאנערשטאג פר' יתרו

### דוברע אוטרא, מאסקווע...

גוט מארגן מאסקווע. נאך א נאכט פון נישט קענען איינשלאפן צוליב דער צעמישעניש פון זמן, האט מאסקווע באגריסט דעם פרישן טאג. דער וועטער איז געווען פארהעלטנסמעסיג... קאלט.

מיר זענען געגאנגען צום גרויסן אידישן צענטער "מארינע ראשע", וועלכער ווערט אזוי גערופן צוליב וואס זי געפינט זיך אין דער מארינע ראשע געגנט אין מאסקווע. צווישן פיל אנדערע פונקציעס און סערוויסעס, איז עס אויך די היים פון דער גרויסער שול אונטערן אויפזיכט פונעם הויפט-רב.

שוין פונדערווייטנס זעט זיך אן די ריזיגע געביידע פון זיבן שטאק הויך, וועלכע סימבאליזירט די הערליכע אנוועזנהייט און אויפבלי פון אידישקייט אין דעם לאנד וואו אין דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט האט מען באהאלטן און באדעקט די



אידישע אידענטיטעט. די געביידע שטייט מיט א מאיעסטעטישער שיינקייט, כ'האב ערווארטעט א שיינע קליינע שול, און אין וויסטן טרוים נישט געקענט טראכטן אז דאס איז פון וואס מען רעדט.

א שיינער צוים וועלכער לויפט אויפן פארמאט פון מנורות, נעמט ארום דעם בנין. פארנט פון דעם צענטער שטייט א באוואפנטער זיכערהייט-וועכטער און באטראכט אלע באזוכער. ביים אריינקומען דארף מען דורכגיין א זיכערהייט אונטערזוכונג מיט אן עקסרעי מאשין סיסטעם. די געביידע איז גיגאנטיש, אונטן זענען דא צוויי הערליכע רעסטוראנטן, א פליישיגער און א מילכיגער, צווישן ביידע געשעפטן איז פלאצירט דער גרויסער זאל, גרייט פאר אלע סארטן שמחות און אוונטן.

אויפן צווייטן שטאק געפינט זיך דער ריזיגער היכל בית המדרש המרכזי, "בית מנחם". א מנין האלט אינמיטן דאווענען, און ר' יהושע טראגט מיר צו דער מקוה, וועלכע איז גאר שיין און געשמאק אהערגעשטעלט, פריי פון אפצאל, מיט אומזיסטע האנטוכער און פאפוטשן פאר די וועלכע באגערן עס פאר ריינקייט. נעבן דער מקוה איז צוגעשטעלט א שיינער מאשין וועלכער רייניגט די שיך אומזיסט און אויטאמאטיש – ווי נאר מען לייגט אריין די שיך הייבט זיך עס אן דרייען, אראפנעמענדיג אלע שמוץ.

הארט נעבן דעם צענטער שטייט נאך א בנין וועלכער דינט אלס דער כולל, דער קומענדיגער מנין שטעלט זיך דארט. ר' יהושע פירט מיר אריין אין א פראכטפולער געביידע, מיט א קליינער שול און א שטוב דערנעבן מיט קאווע און טישן זיך צו קענען אוועקזעצן און טרינקען די קאווע געמיטליך.

נאך א שיינעם שחרית טרעט אויף איינער פון די חשובע חב"ד שליחים אין מאסקווע, און לערנט פאר א משנה אויף רוסיש, פאר די אידן וועלכע גייען ארויס ארבעטן.

נאכן דאווענען זענען מיר צוריקגעגאנגען צו דער גרויסער געביידע אויפן אונטערשטן שטאק צום מילכיגן רעסטוראנט, וואו ר' יהושע האט באשטעלט א פיינעם געשמאקן פרישטאג. אן אייגנארטיגע זאך האב איך באמערקט שוין ביים צווייטן רעסטוראנט, אזא קנעפל וואס מען קען דרוקן מיט דריי אפציעס – מען קען לאזן וויסן אז מען וויל באשטעלן עסן, אז מען דארף א געהילף זאל קומען, אדער אז מען וויל באצאלן.

א געשמאקער פרישטאג מיט אלע צוגעהערן אין א געשעפט וואס ווירבלט מיט אידן, האט מיר געמאכט פארגעסן אז איך בין אצינד אין רוסלאנד. נעבן אונז זענען געזעצן צוויי אידישע ביזנעסלייט מיט צוויי נישט אידישע ביזנעסלייט אין שיינע קליידונג, א ביזנעס זיצונג אין פולער קראפט, מען דארף דאך פרנסה.

## מיט א טור-גייד אויף די גאסן אין מאסקווע

באלד נאך פרישטאג איז אנגעקומען א אידישער טור-גייד וועלכער באנעמט זיך מיט ארומפירן טוריסטן אין שטאט, צו צייגן אינטערעסאנטע פונקטן, היסטאריע

און שיינע ערטער ארום די שטאט. צוליב וואס ער קען נישט קיין ענגליש אדער אידיש, האט ער מיטגעברענגט א פריינט איבערצוטייטשן. מען האט גערופן א טעקסי און מען איז צוגעפארן צום עלטסטן קווארטל אין שטאט.

דער טור-גייד האט מיר ערקלערט אז אלע אלגעמיינע טוריסטן זענען נאר פארנומען מיט דעם קרעמלין, ער טענה'ט אז זיי פארפאסן גאר אייגנארטיגע סצענעס וואס מען קען זען בלויז אויף זיין טור פראגראם.

דער טעקסי שפייט אונז אויס פארנט פון א געביידע וועלכע איז דער ערשטער און עלטסטער מעטרא סיסטעם אין לאנד. דער סיסטעם איז געווארן אויסגעשטעלט און פלאנירט דורך עטליכע אידן, ליידער אזוינע וואס האבן גענצליך פארגעסן פון אידישקייט.

נישט ווייט פון דארט געפינט זיך א דענקמאל פאר דעם דענקער און שרייבער פושקין, וועלכער האט פיל אהערגעשטעלט פאר דער רוסישער קולטור און מאדערניזירט די רוסישע שפראך. אויך ער פארמאגט אידיש בלוט, איז דער טור-גייד פארנומען.

מיר שפאצירן אויף די גאסן וואו מען זעט אלטע היסטארישע הייזער און בנינים, די זקני העיר ווערן דערקענט דורך די אלטע מאדעלן און סטילן.

„ביי דער רעכטער זייט זעט איר א געביידע וואס דערין האבן געוואוינט די רייכע מענטשן", צייגט ער אונז אויף א געביידע, „ביי דער לינקער זייט שטייט א שיינע הויז וואס דערין האט געוואוינט דער אנפירער פון אן אויפשטאנד קעגן דעם רוסישן צאר. דער אויפשטאנד האט זיך נישט גוט געענדיגט און די אלע וועלכע האבן אנטיילגענומען דערין זענען פארשיקט געווארן קיין סיביר.

„פארוואס אן אויפשטאנד", פלעכט ער ווייטער די קייט, „ווייל זיי האבן געשפירט ווי דער צאר איז אן אייראפעאישער און ער פארמאגט נישט קיין רוסיש בלוט, און ער טאר דעריבער נישט פירן דאס לאנד.

„דער צאר איז געווען אן אייראפעאישער וואס איז געקומען מיט א פלאן, דער זעלבער פלאן וואס די מערב וועלט האט היינט מיטן העלפן דעם נאצי-רעזשים אין קיעוו", גיבט ער א טראג דעם שמועס לינקס, עפענענדיג א קאנע פון ווערעם [צו מיין פרייד...].

„נאציס?" פרעג איך ווי א תם, חרש, שוטה און קטן אינאיינעם, זוכנדיג צו גראבן אין דער טעמע וואס יעדער ציטערט ארויפצוברענגען.

„יא, נאציס!", ענטפערט ער מיט א זיכערקייט וואס דעקט אויף ווי איבערצייגט ער איז אין זיינע ווערטער. עס ברענגט צום אויבערפלאך איינס פון די צוויי: אדער אז די פראפאגאנדע אין רוסלאנד ארבעט אויף אן ערשטקלאסיגן פארנעם, אדער אז מעגליך זענען די בירגער אין לאנד באזארגט פון די פענסטערס אין לאנד [פיל קעגנער אין לאנד זענען מיסטעריעז געפאלן פון פענסטערס אין די לעצטע יארן, נישט אויסמישן מיט די פענסטערס פון סטאלינ'ס האטעל...].



דאן זאגט דער איבערטייטשער אז ער אליין וויל אויך עפעס צוליגן, „מיין ווייב איז פון איוואנא פראנקיווסק אין אוקראינע, זי זאגט אז אוקראינע איז פול מיט נאציס, מען פלעגט שלאגן ווער עס רעדט רוסיש און זיין קעגן אידן". ער האט דאן צוגעלייגט עפעס אן אומפארשטענדליכע געשיכטע איבער איינעם וואס איז געווען אין שפיטאל מיט א צעבראכענער האנט און מען האט אים צוגענומען די קישנס פון זיין בעט אינמיטן דער נאכט... טאקע א שטארקער פונקט מיט גענוג אן אונטערליגנדע סיבה צו אינוואדירן א לאנד מיט איבער א האלבן מיליאן פאטאליטעטן לויט אנאליסטן.

„מיר האבן נישט געהאט קיין ברירה", זאגט דער טור-גייד ווייטער, „מיר האבן זיך געמוזט פארטיידיגן פון אוקראינע, דאס איז א ספעציעלע מיליטערישע אפעראציע וואס האט געמוזט געשען".

איך מאך זיך תמימות'דיגערהייט ווי איך בין איינשטימיג און איך פרעג אים, „נו, טאקע, איז וואו האלט עס יעצט?"

„זאכן רוקן זיך, אבער פאמעליך", איך האב זיך כמעט אנגערופן „גאר פאמעליך".

דער שמועס האט זיך פארקירעוועט ווען מיר זענען אריין אין א גאס וואו עס געפינט זיך די אמבאסאדע פון דעם לאנד אבקעזיע. כ'האב קיינמאל געהערט דערפון.

טיפער אריין אין גאס געפינט זיך אן אמבאסאדע געביידע פאר איינעם פון די ראיאנען פון רוסלאנד זעלבסט. רוסלאנד איז אזוי גרויס, אז איינוואוינער וועלכע וואוינען ווייט פארמאגן אייגענע פארטרעטער אין דער הויפטשטאט. א קליינער שילד מעלדט אז דא געפינען זיך די פארשטייער פון דעם וואלדאווע ראיאן.

מיר שפאצירן ווייטער און א שיינע געביידע שטארצט ארויס. איידער די אינפארמאציע קען אנקומען דורכן איבערטייטשער, ליין איך דעם שילד „אסטרייכישער בוטשאפט". די אמבאסאדע פון עסטרייך אפערירט דא. צוויי פאליציי אפיצירן שפאצירן ארום פארנט פון דער געביידע און ברענגען ארויס דעם באדייט פון לאנגווייליגקייט אין איינפאכער אפטייטש.

„ניעט! [ניין]", קומט דער קאלטער ענטפער פון איין אפיציר נאך וואס דער טור-גייד פירט ווייטער מיין פראגע אויב מען קען זיך שטעלן פאר א בילד.

מיר גייען צווישן געסלעך און הונטער-שטעגלעך, ווען מיטאמאל שטעלט זיך דער טור-גייד אפ ביי א טיר, קלאפנדיג דערויף. ווען איינער עפנט, פארגייט ער זיך אין א קורצן שמועס און דער יעניגער געבט ערלויבעניש מיר זאלן אריינגיין אין זיין הויף.

„אזויווי אין אמעריקע, האבן מענטשן פארמאגט קנעכט אויך אין רוסלאנד. דא אין געגנט זענען פארהאן פיל הייזער וועלכע האבן אמאל געהערט צו רייכע אדל-לייט, וועלכע האבן געבויט קליינע הייזער אין זייערע הויפן פאר די קנעכט. דער הויז אייגנטומער האט מיר געגעבן ערלויבעניש דיר צו ציינגן", פירט דער טור-גייד אויס מיט צופרידנהייט.

אין הויף שטייט א נאכגעלאזטע כאטקע וואס דערציילט איבער דער טרויעריגער עפאכע פון דער מענטשהייט. מען קען




דער פראכטפולער בנין הכולל פאר תורה ותפילה, נעבן דער אידישער צענטער

נישט ארייננגיין דערין צוליב וואס די הייזער זענען באוואוינט, מען פארדינגט עס היינט פאר איינקונפט...

ביים ארויסקומען צוריק אויף דער הויפט גאס, באמערקן מיר דעם פאן פון מאראקא פלאטערן – נאך אן אמבאסאדע אין דער רוישיגער שטאט.

ווערנדיג ארייננגעטון אין אמבאסאדעס, ווערט מיר נייגעריג צו זען מער קענטליכע אמבאסאדעס. איך בין דאך א קאנאדישער בירגער, "אפשר פירסטו מיר צו דער קאנאדישער אמבאסאדע", בעט איך דעם טור-גייד.

דער גייד ווערט באלד פרייליך און זאגט מיר אז עס איז נישט ווייט. ער שפירט גוט אז איך האב אים געבעטן, ווייל אלס קינד פלעגט ער וואוינען נעבן דער אמבאסאדע, און דער אמבאסאדאר פלעגט געבן שיינע שפילצייג פאר אים און פאר אנדערע קינדער אויף דער גאס. ווען ער איז אויפגעוואקסן האט געהערשט אן ארעמקייט אין לאנד, און עס איז כמעט נישט געווען מעגליך צו באקומען שפילצייג.



פראפאגאנדע בילדער פון דער יעצטיגער אינוואזיע אין אוקראינע באצירן די גאסן

מיר שטעלן טריט נאך טריט, ווען מיינע אויגן קוקן ארויס פאר דעם קאנאדישן פאן מיטן רויטן בלעטל. נאך עטליכע מאמענטן דערגרייכן מיר א געביידע וועלכע איז ארומגענומען מיט פאליציי שטריק, פארלאזט און ליידיג. דער פאן שטאנג שטייט פאר'יתומ'ט, אין כאן לא קאנאדע ולא אמבאסאדע. א פאליציי אפיציר וועלכער באקומט באצאלט צו באטראכטן די וואלקענעס ערקלערט אונז אז "קאנאדע איז אהיימגעגאנגען" און אפגעהאקט די באציאונגען מיט רוסלאנד אין רעזולטאט פון דעם קריג. אן אומבאקוועמער קנייטש האט זיך אנגעזען אין די אויגן פון אלע באטייליגטע.

דער טור-גייד שפירט שלעכט און פרובירט צו טרעפן אנדערע אוצרות. ער שלעפט מיר צוויי גאסן צו צייגן די אמבאסאדע פון מעקסיקא, א געשעפט האב איך, דאס פארמאגן מיר אינדערהיים...



מילכיגער רעסטוראנט אינעם אידישן צענטער. רעסטוראנטן זענען טייל פון דער קהילה'ס אונטערנעמונג צו פארגרינגערן און ציען אידן צו עסן כשר

נאכן ענדיגן דעם טור ארום דעם אלטן קווארטל אין שטאט, שטעלט ער אפ א טעקסי און מיר לאזן זיך צו דער קרעמלין געגנט. אויפן וועג פארן מיר פארביי דעם גרויסן בנין פון דעם רוסישן מיליטער, כ'האב געטראכט צי איך זאל ארייננגיין עצה'ענען די באאמטע אויפצוהערן שיקן

זעלנער קיין אוודיווקא, אבער איך האב זיך איינגעהאלטן, זייענדיג באזארגט אז אפשר וועלן זיי מיר נאך שיקן אהין...

די געגנט איז באצירט מיט דראמאטישע בילדער פון זעלנער וועלכע קעמפן אין אוקראינע, דער טור-גייד פארענטפערט זיך אז ווען אמעריקע האט געפירט א מלחמה אין וויעטנאם זענען אויך געווען פראפאגאנדע בילדער אויף אלע גאסן.

אין געגנט שטייט אויך א גרויסע וואלקנקראצער געביידע פון דער אויסערן מיניסטעריום, דאס איז פארשטענדליך פארוואס עס איז אזוי גרויס, עס איז דא אסאך ארבעט.

פון דארט קומען מיר אן צום רויטן סקווער וואו עס געפינט זיך דער קרעמלין – די פעסטונג וואס סערווירט דעם רוסישן פרעזידענט און די רעגירונג באאמטע. אינדרויסן פון דער פעסטונג זענען פארהאן פארוויילונגען, קינדער ריידס און אנדערע סארט אטראקציעס. הארט דערנעבן איז לאקירט א פארקינג לאט מיט עטליכע פאליצייאישע באסעס און אפיצירן, גרייט אוועקצופירן גרעסערע גרופעס פון מענטשן סיי ווען עס מאכט זיך א דעמאנסטראציע.

נעבן דער קרעמלין פעסטונג איז פארהאן א באגרעבעניש ארט פון מערערע רוסישע פירערס, אריינגערעכנט סטאלין און לענין – וועלכער איז געווארן ווי א גאנצער אפגאט ביי דער רוסישער באפעלקערונג. דער קערפער פון לענין איז געווארן פרעזערווירט, און פיל רוסישע בירגער קומען דארט פרעפלען.

די טוריסטן באשטייען מערסטנס פון כינעזער אדער אראבער, די פעלקער וועלכע זענען אליאירט און פאראייניגט אין רעזולטאט פון פאראייניגטער פיינטשאפט צו דער מערב וועלט. דער טור-גייד האט מיר דאן געוואלט שלעפן צו דער באן סטאנציע וועלכע דארף זיין זייער מאיעסטעטיש, אבער ר' יהושע רופט אז עס גייט פארקומען עפעס אינטערעסאנט ביים הויפט-רב.

מיר זענען געווען אויסגעמאטערט פון א טאג שפאצירן אין שטאט, און מיר זענען צוריקגעפארן מיט א יאנאקריל [טעקסי] צום אידישן צענטער.

ביים הויפט-רב אויפן סדר היום צוויש אויפנעמען "מאָמענט" מאגאזין, אז



אין רויטן סקווער, נעבן דער קרעמלין פעסטונג, די לענין מאנומענט און די באקאנטע געביידע מיט די אייגנארטיגע קאלירפולע שפיצן



די באנען וועלכע דינען אלס אינטעגראלער טייל פון די טראנספאר-טאציע סיסטעם אין גאנץ רוסלאנד



די פרעכטיגע שערי צדק געביידע, בלויז פאר חסד צוועקן און סערוויסעס פאר אידן, צו מאכן א קשר מיט רוסישע אידן און זיי מאכן שפירן גוט צו געהערן צו דער אידישער קהילה

געווען אויפגענומען צוויי רוסישע אידישע בירגער וועלכע זענען געווען פארכאפט ביי כאמאס אין עזה און זיי זענען באפרייט געווארן דורך דער טעראר גרופע אן קיין באדינגונגען אלס אנערקענונג צום רוסישן פרעזידענט.

נאכן דרוקן ר' יהושע צו דער וואנט, באשטעטיגט ער מיר אז דער הויפט-רב איז געווען פארמישט אין דער באפרייאונג, אבער ער וויל נישט צופיל ארומרעדן דערוועגן. די געוועזענע משכונות זענען געקומען רעדן צום רב איבער די משכונות וועלכע זענען נאך פארכאפט אין עזה, קיינער איז נישט געווארן ערלויבט אריינצוגיין אין דעם אפיס פון רב.

פון דארט זענען מיר געפארן צו דער גיגאנטישער געביידע וואס ווערט גערופן שערי צדק, און דינט אלס א מאסיווער חסד אפאראט צו העלפן אידישע רוסישע אידן, ספעציעל די אלטע לייט, מיט אלעס וואס איז מעגליך. די געביידע פארמאגט פארשידענע באקוועמליכקייטן און סערוויסעס פריי פון אפצאל.

עס זענען דא דארט פילצאליגע באזונדערע פליגלען און אפטיילונגען, עס איז פארהאן א ריזיגער זאל וואו מען שטעלט צו עסן אומזיסט, א קאווע צימער, שטיבער צו זיצן און פארברענגען רואיג, א קליניק מיט מעדיצינען און גאר גוטע דאקטוירים וועלכע העלפן ארויס די עלטערע לייט פריי פון אפצאל. 680 מענטשן זענען אויף דער קהילה'ס פעיראל, אין דעם שערי צדק פענאמאן אליין. העכער 15,000 אידן געניסן דערפון, מען שיקט ארויס פעקלעך, מעדיצינען, און צוגעהערן פאר אלטע לייט.

עס איז אויך פארהאן א שיינע מוזעאום, א קליינע שול שטייט אין א באשיידענעם ווינקל וועלכער מען האט אהערגעשטעלט אז אויב פון די אקטיוויטעטן כאפט אן פאר א איד א ווארעמקייט צו דאווענען, זאל ער באלד קענען. דא קומען אידן וואס האבן קיינמאל געהאט מיט אידישקייט, אבער מיט גשמיות שלעפט מען זיי, און דאן פאלגט שוין די רוחניות נאך. די סטראטעגיע איז קלאר און עס פאסירט ווירקליך אויף א מאסשטאבליכן פארנעם.

טייל פון די אויסגאבן ווערן געדעקט מיט דעם אז דער אפטייק שטאב באדינט אויך אלגעמיינע נישט אידישע לייט, אבער דער רב דארף דעקן מאנאטליך ריזיגע געלטער וואס ער שטעלט אליין צוזאם אן נעמען הילף פון דער רעגירונג.

ביי איין ווינקל אין דעם ריזיגן שערי צדק קאמפלעקס ליגט א הערליכער מיניאטור אויסשטעל פון אלע בנינים פון דער אידישער קהילה אין מאסקווע. עס ציילט זיך נאנט צו 20 גיגאנטישע געביידעס.

עטליכע פלאטפארמעס, אריינגערעכנט איינע אויף דער גאס, זענען געווארן אהערגעשטעלט פאר עפנטליכע פארזאמלונגען, א שטייגער ווי ימים טובים, ווען מען שטעלט אהער הערליכע צערעמאניעס, דרשות און שיינע פראגראמען אויף א פשוטער שפראך, אריינברענגענדיג דערמיט א ווארעמקייט אין די הערצער וועלכע זענען ליידער



אויפגעוואקסן אן קיין וויסנשאפט איבער זייער הייליגער אפשטאם.

אויך איז צוגעשטעלט א ביבליאטעק, ציין דאקטער, גמ"ח, ביקור חולים, און די ליסטע איז ענדלאז. די קהילה איז שעפעריש און זיי טוען וואס מעגליך צו ציען רוסישע אידן וועלכע זענען ליידער אויסגעטרוקנט. אין דער גרויסער מיידל שולע האט די קהילה אפילו געבויט א ריזיגער שווים באסיין וואו מיטגלידער קענען קומען שווימען און הנאה האבן.

עס זענען פארהאן עטליכע מוסדות, אויף אנדערע שטאפלען אין אידישקייט – די שולע וואס סערווירט קינדער פון פרומע חב"ד רבנים וואו מען לערנט אין אידיש און לשון קודש, און די צענטראלע שולע פאר מיידלעך פון רוסיש-אידישע שטיבער וואו מען לערנט אויף רוסיש. דאס זעלבע מיט די חדרים.

באלד גייען מיר באקומען אן אויפנאמע ביים הויפט-רב, צו הערן אביסל פון א איד וואס פארמאגט אויף זיינע פלייצעס דאס יהדות רוסלאנד און די ביליאנען זכותים וואס קומען ארויס פון אזא אפאראט. מיר האבן געשריבן פראגעס מיט אן ערנסטקייט און זיך געגרייט.

מיר זענען פשוט געשטאנען אינגאנצן באגייסטערט. מען קען זיך נישט פארשטעלן וואס גייט פאר אין דער אידישער קהילה אין רוסלאנד. ס'איז עפעס וואס עס איז שווער צו פארשטיין געבן פאר איינעם וואס זעט דאס נישט מיט די אייגענע אויגן.

מיר האבן זיך דאן אריבערגעכאפט צום רעסטוראנט פון דער אידישער מוזעאום וואס דער רב האט געבויט פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג, צו לערנען איבער אידן. די מוזעאום האט געקאסט 70 מיליאן דאלאר צו בויען, און דער רב האט אויפגעטריבן דאס געלט דערפאר און באוויזן עפעס וואס האט נישט זיינס גלייכן אין דער אידישער ארענע. דער פלאן איז אז מיר וועלן באזוכן די מוזעאום נאך שבת.

## אן אויפנאמע ביים הויפט רב

ווי נאר מיר האבן געענדיגט עסן מיטאג, זענען מיר געגאנגען פון דער מוזעאום געביידע צום מארינע ראשע צענטער, צו באקומען אן אויפנאמע ביים הויפט-רב.

דער אפיס פון רב געפינט זיך אויף דעם זיבעטן שטאק פון דער געביידע. מיר האבן געהאט די געלעגנהייט צו ווערן אויפגענומען דורכן רב ספעציעל פאר "מאמענט". מיר האבן דארט פארברענגט א לענגערע שעה און געהאט א א רייכער לענגערער שמועס מיטן רב איבער פארשידענע אינטערעסאנטע טעמעס (זעט באזונדערן ארטיקל).

ביי דער ענדע פונעם שמועס האט מען שוין איבערגעהאקט, ווען די סעקרעטארן האבן געפאדערט אז דער רב דארף זיך באטייליגן ביי א וויכטיגן אונט אונטן אין זאל.

דער רב האט געענדיגט ענטפערן אונזערע פראגעס און זיך אראפגעיאגט אונטן, וואו עס איז פארגעקומען א פייערונג לכבוד די 85'סטע יום הולדת פון א גאר אנגעזעענע פרוי אין דער קהילה, וועלכע

ווערט באטראכט אלס א גרויסע צדיקת.

מיר האבן באגלייט דעם רב, ווען אויפן וועג דערציילט ער אז ביי אים אין שטוב איז איינגעפירט אז זיינע טעכטער גייען נעמען א ברכה פון אט דער חשובער פרוי ווען זיי ווערן בת מצוה. דער רב האט שיין אנגעוואונטשן די פרוי אז זי זאל זוכה זיין צו לאנגע געזונטע יארן און זען נחת פון דער גאנצער פאמיליע. די שעצונג צום הויפט-רב פון קליין און גרויס האט זיך דערקענט אויף די געזיכטער פון אלע פארזאמלטע.

## מען גרייט זיך צו פארן קיין סיביר

דער פלאן יעצט איז געווען צו פארן קיין סיביר, צו זען פון דער נאנט און פראווען א שבת אין דעם פלאץ מיט אזויפיל אידישע און בלוט דורכגעווייקטע היסטאריע. זיך שיידנדיג פון הרב לאזאר שליט"א, האט ער מיר געבעטן אז אין סיביר זאל איך איבערגעבן א גריס פאר זיין איידעם הרב נפתלי ווילהעלם שליט"א, וועלכער האט זיך אהינגעצויגן עטליכע מאנאטן צוריק, אנצוהויבן זיין נייע שטעלע אלס רב אין שטאט.

אמסק איז די צווייט-גרעסטע שטאט אין סיביר מיט א באפעלקערונג פון אנדערטהאלבן מיליאן איינוואוינער. דער רב וואס פלעגט דא וואוינען און פיל אויפגעטון פאר אידישקייט האט געדארפט פארלאזן די שטאט צוליב לעגאלע קאמפליקאציעס, און די שטאט איז שוין פינף יאר אן קיין רב.

אין רעזולטאט איז דאס ביסל אידישע אינפראסטרוקטור וואס מען האט אויפגעבויט מיט בלוט און שוייס געווארן זייער נאכגעלאזט, די מקוה איז געווארן פסול און געשעדיגט, שניי רעגנט אריין פון דאך, און די אידישע שולע איז ליידער געווארן איבערגענומען דורך א נישט-אידישער פרינציפל וועלכע האט אנגענומען אפליקאציעס פון נישט אידישע קינדער, און דער צושטאנד פון פיל אידן וועלכע האבן געהאלטן אויפן וועג צו ווערן דערנענטערט צו אידישקייט, איז צוריקגעפאלן אן די אקטיווע גייסט פון א שליח און די הילף פון א קהילה.

הרב ווילהעלם האט זיך נארוואס געצויגן אהין און ער האט א לאנגער וועג צו גיין.

מיר וועלן באזוכן דארט אויף שבת און מיטהאלטן וויאזוי עס גייט דאָרט דאס לעבן.

איידער מיר לאזן זיך ארויס צום לופטפעלד, לויפן מיר צום אידישן סופערמארקעט "כשר גארמעי", וועלכע איז הערליך שיין צוגעשטעלט מיט אלע באדערפענישן, אריינגערעכנט אפטיילונגען פאר פלייש, פיש, מילכיגע דעלי, סושי און פיל מער. דאס געשעפט פארמאגט א ספעציעלער ריזיגער אויסוואל פון עסן פאר שבת: סאלאטן, פליישן, געררייכערטע פליישן, פישן און מערערע סארטן עסנווארג וואס מען זעט נישט אפילו אין דעם עסן מארקעט אין די היימישע געגנטער אין אמעריקע און קאנאדע.

מיר קויפן איין מילך, זופ מאנדלען און א



ליסטע פון כשר'ע עסנווארג וואס מען קען נישט באקומען אין אמסק, אויפן פארלאנג פון דעם נייעם ארטיגן שליח.

פון דארט פארן מיר ארויס צו דעם "שערעמאטיעוו" אינטערנאַציאָנאַלן לופטפעלד, וועלכער איז איינער פון די פיר לופטפעלדער וועלכע באדינען מאסקווע. צוליב וואס עס איז ענדע וואך און עס איז ערווארטעט אז דער לופטפעלד וועט זיין זייער פארנומען, האבן מיר זיך שנעל געיאגט אהין מיט א טעקסי.

רוסלאנד איז אזוי גרויס, אז צו פארן פון מאסקווע קיין אמסק, סיביר, מיט א קאר וואלט גענומען העכער 24 שטונדן. אפילו צו פארן פון איין שטאט אין סיביר צו דער אנדערער דארף מען נוצן א פליגער אדער א באן.

## אויפ'ן וועג צו סיביר

אנדערש ווי די ערפארונג אין דעם לופטפעלד ביים אנקומען, האבן זיך דא אנגעזען אסאך מער אקטיוויטעטן און עס איז געווען אסאך מער פארנומען.

אסאך רוסישע בירגער וועלכע ארבעטן אין דער הויפטשטאט קערן זיך צוריק צו זייערע שטעט איבערן גאנצן לאנד. מיר האבן דורכגעמאכט די טשעק-אין ביי דעם "עיראפלאט" קאונטער – וועלכע איז רוסלאנד'ס הויפט לופטליניע. אויפן וועג צו אונזער גייט זענען מיר אריבער א געשעפט וואס רופט זיך פוטין-טיעם, מיט פארשידענע שמאנצעס און ארטיקלען וועלכע פארמאגן אויף זיך דעם נאמען פונעם רוסישן פרעזידענט, פרובירנדיג צו רייטן אויף דער פאפולאַריטעט פון דעם שטייפן רוסישן פירער.

עס ווערן פארקויפט שמאנצעס און טשאטשקעס מיט בילדער פון פרעזידענט וולאדימיר פוטין, און אזוי אויך בילדער פון נישט קיין אנדערער ווי געוועזענער פרעזידענט דאנאלד טראמפ. זעט אויס אז ער איז שטארק פאפולער אין לאנד...

מיר באגעגענען זעלנער פון דעם רוסישן מיליטער וועלכע דרייען זיך אין אלע ווינקלען פונעם לופטפעלד, טייל קומען אהיים פון די פראנט-ליניעס און טייל מאכן זייער וועג אהין.

איך האב באשלאסן צו זיין געוואגט און פרובירן צו נעמען א בילד מיט א סאלדאט. מען רעדט פון געוויסע סארט עלעמענטן וועלכע ווערן פארוואנדלט אין קאלטבלוטיגע הערצער אן קיין געפילן, מיט א תאוה צו רציחה און מארד. מען דארף זיין זייער איידל און צוריקגעצויגן, ווייל אויפצורעגן אזא פארשוין קען קומען מיט א פרייז פון א זעץ אין געזיכט.

איך דערנענטער זיך צו א זעלנער, און איך פרעג אים איידל, "אנטשולדיגט, איר רעדט ענגליש?" דער סאלדאט קומט נאנט צו מיר, אזש איך קען ציילן זיינע ציינער, פון זיין מויל גייט א גערוך פון אלקאהאל, ער קוקט מיר אן און נעמט זיך שעלטן אין רוסיש עטליכע ווערטער, כ'האב געמאכט א יו-טוירן און אפגעיאגט.

עטליכע מינוט שפעטער האב איך נאכאמאל פרובירט, כ'האב געטראפן א סאלדאט וואס שטאמט פון דער



אידישקייט אין רוסלאנד גייט אן מיט שטאלץ, אין א לאנד מיט אנדערע קלימאטן אין דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט

עטנישער כינעזער באפעלקערונג פון די טיפענישן אין מזרח פון לאנד. ער איז געווען אנגעשאשקעט מיט ביר און נישט פארשטאנען וואס איך וויל. כ'האב געמאכט מיט די הענט, געצייגט אראפ ארויף, כ'האב ארויסבאקומען א שטיקל בילד, ער האט מיר געצייגט זיין פויסט און גערעדט אונטער געגנצליכן איינפלוס פון דעם ביטערן טראפן. דאס האט אלעס געזאגט איבער דער רוסישער ארמיי, עס מאכט זאכן מער פארשטענדליך.

דער זעלנער האט מיר דאן אנגעהויבן נאכלויפן און געשריגן אין רוסיש, לאכנדיג ווי א ווואלגארישער שיכור. אינמיטן איז אנגעקומען נאך א סאלדאט און אים אנגעהויבן אוועקשלעפן פון מיר, כ'האב געזען אז ער זעט אויס צו שטאמען מער פון דער ציוויליזירטער באפעלקערונג, און נישט פון די עטנישע כינעזער. כ'האב פרובירט מיין מזל, ער האט יא געקענט אביסל ענגליש, כ'האב אים געפרעגט פון וועלכער געגנט אין אוקראינע זיי קומען יעצט צוריק, און ער האט מיר געענטפערט אז זיי זענען נארוואס אנגעקומען דא פון די פראנט-ליניעס פון בילהא-ריווקא.



העסקן ר' יהושע דויטש צייגט פאר 'מאמענט' די פארשידענע געביידע מיניאטורן אהערגעשטעלט אין א גלאז אין דער שערי צדק געביידע

גייענדיג ווייטער אין לופטפעלד, האב איך געזען א געשעפט פון דעם נייעם רוסישן ברענד "וואטוסקא-אי-טוטשקא" וואס האט זיך געעפנט אלס אלטערנאטיוו צו דער עסן-קייט מעקדאנעלד'ס וואס האט פארלאזט דעם רוסישן מארקעט אלס פראטעסט צו דער אינוואזיע. אין אידיש באדייט דאס "נארהאפטיג, און פינטל".

דאן זענען מיר ארויף צום באס וועלכער וועט אונז פירן צום פליגער. אויפן וועג זענען מיר דורכגעפארן א פארקינג לאט פון עיראפלאט פליגערס. וויבאלד די לופטליניע אפערירט אויף פיל א קלענערן פארנעם צוליב די סאנקציעס, זיצן א גרויסער טייל פון די עראפלאנען אומבאנוצט. זיי זענען געווען אויסגע'שורה'ט און אויסגעזען ענדלאז.



די גיגאנטישע געביידע פון דער שולע פאר אידישע קינדערלעך אין רוסלאנד

דער פליגער איז געווען הערליך שיין און מאדערן, א מאנשאפט מיטגליד האט מיר געזאגט אז דער עראפלאן איז זעקס יאר אלט. מיר האבן געמאכט דעם וועג קיין אמסק, באקומענדיג א כשר'ע מאלצייט פון א רוסישער פירמע אונטער דער השגחה פון דעם הויפט-רב. פליענדיג קיין אמסק, סיביר, האט זיך דער זייגער אפגערוקט

פון מאסקווע מיט דריי שעה. מיר זענען געווארן עלף שעה פאראויס פון אמעריקע.

## אין אמסק, סיביר

מיר האבן נישט געדארפט ווארטן לאנג צו קענען לאנדן, כמעט וואס פליגערס לאנדן נישט אין דער פארשטופטער אמסק.

גראד ביים אראפקומען פון דער הייך האט זיך געהערט א מאכטפולע גערודער פון דעם ווידערשטאנד פון די ווינטן, עס איז אפיציעל, מיר האבן דערגרייכט די באדנס פון דעם קעלטסטן ראיאן אויף דער וועלט.

מיר האבן זיך געגרייט נישט צו ווערן פארפרוירן. קומענדיג פון קאנאדע, האבן מיר ערפארונג מיט. קעלט, מיר האבן מיטגעברענגט א טייערן מוס-נאקלס מאנטל וועלכער איז אנגעפולט מיט ווארעמע קאטשקע פעדערן, ווי אויך הענטשיך וואס האלט ווארעם ביז 30-, א ווארעמע הוט געמאכט פון פעל וואס מיר האבן געקויפט אין אוקראינע ביי אונזער באזוך פאראנגענע יאר, און א ווארעמע שאל.

ביים ארויסקומען פון פליגער צום קליינעם לופטפעלד, האבן מיר געזען אז עס זענען דא אויפן סקעדזשועל דריי פליגערס אין די לעצטע 24 שטונדן, און דאס איז שוין אין די 'וויקענד'.

ביים לופטפעלד האט אונז אפגעווארט דער רב הרב ר' נפתלי ווילהעלם שליט"א, וועלכער איז אויף געבליבן ביז פינף אזייגער פארטאגס. ביי אידן וועלכע לעבן אזוי איזאלירט און באקומען זעלטן געסט, איז עס א פרייליכע איבערלעבעניש ווען א היימישער פנים באוויזט זיך. דער רב רופט זיך אן אז מיר האבן מיטגעברענגט דעם אמעריקאנער וועטער, און עס איז היינט גאר א פיינער וועטער פאר סיביר. כ'האב געמיינט אז ער וויצלט זיך, עס איז געווען 18- און מען האט געקענט אויסגיין פון קעלט אז די נשמה איז מיר כמעט ארויסגעפלויגן.

מיר זענען צוגעפארן צום צענטער פון אמסק, ווען דער רב נעמט עטליכע מאמענטן אויפן וועג צו פארציילן די שוועריקייטן וואס זענען פאראן אויף זיין נייע פאזיציע, זיך געפינענדיג אויף אזא קאלטן און איזאלירטן ארט, מיט דעם



א לאקאלער איד האנדלט זיך איין פיש לכבוד שבת, אין דער געוועזענער סאוויעטישער פארבאנד



אונזער ערשטער מאמענט אין סיביר, די קעלט האט אפעקטירט די קאמערע לענס און געלאזט א צייכן


דער רב אין אמסק לייגט תפילין פאר אידישע נשמות וועלכע זוכן ווארעמקייט

נענטסטן איד זייענדיג אכט שעה אוועק מיט א באן, אין נאוואסיבירסק.

ער ערקלערט אונז, אז מיר וועלן איינשטיין אין א האטעל נישט ווייט פון זיין הויז, צוליב וואס אין טייל צימערן אין זיין דירה דרינגט אריין א קעלט, און מען דארף נאך דערגיין פארוואס און עס פארריכטן.

"חנוכה צייט איז געווען 43- דא אין שטאט און מיר האבן זיך ארומגעדרייט מיט מאנטלען און ווארעמע קליידונג אינדערהיים ממש ווי ווען מען גייט אויף דער גאס", האט ער געשילדערט.

אנקומענדיג אין האטעל האט מען מיר געבעטן מיין פאספארט פאר דער נאכט. פרעגנדיג פשט, האט מען מיר געענטפערט אז מען "דארף מיר רעגיסטרירן" דערמיט. די רעגירונג וויל האלטן מער קאנטראל און באקומען פונקטליכע אינפארמאציע ווער עס דרייט זיך וואו. כ'האב זיך נישט קעגנגעשטעלט.

מען האט זיך אביסל מסדר געווען, און זיך געגרייט צו גיין שלאפן, בשעת וואס ווייט אוועק אין ניו יארק טרינקט מען קאווע צום פרישן טאג. איידער'ן זיך לייגן איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט מיין פריינט ר' אייזיק איידליס, דער באגאבטער אייגנטומער פון דער OTG מארקעטינג פירמע, איבער א געוויסן מארקעטינג פראיעקט. ווען מיר האבן זיך ווערטלדיג צושמועסט איבער דער רוסישער באפעלקערונג, האט אייזיק זיך וויצלדיגערהייט אונטערגענומען אנצופירן א קאמפיין אין פאל ח"ו איך קום אן אין טורמע.

פונקט דאן, זייענדיג אויף עלעקטראנישער פארבינדונג, שטעלט זיך אפ א פוסגייער פארנט פון דער האטעל געביידע, קוקט פונקט אויף מיין פענסטער, נעמט ארויס א קאמערא און בליצט א בילד.

מיטאמאל זענען מיר ביידע געווארן ערנסט. מיר האבן אוועקגעמאכט די זארגן און זיך געטרייסט אז דאס איז סתם אן אינצידענט, און ס'איז געוויס געווען, אבער עס האט דערמאנט אז דא איז רוסלאנד, און די וויצן איבער פוטין און טורמע האבן זיך האסטיג געענדיגט. דאס איז דער כח וואס די רעגירונג פארמאגט דא, אז מען לייגט דרוק האט מען מורא פון יעדן שאטן...

## פרייטאג פר' יתרו

# ערב שבת אין סיביר

צופרי זענען מיר אריבער צום רב פאר קאווע. זיין געביידע איז ניי און זייער שיין. ער וואוינט אין דעם הויז פונעם פריערדיגן רב, הרב אשר קרישעווסקי שליט"א, וועלכער האט אהערגעשטעלט א אידישע הויז, און נישט געקענט טרעפן קיין קליענט דערפאר פאר פינף יאר. עס איז געווען באשערט פאר דעם נייעם רב א שיינע אידישע הויז.

אריינצוגיין אין דער געביידע גייט מען דורך דריי באזונדערע לאביס, אפצוהאלטן די קעלט פון מאכן דעם וועג אריין. אויפן ערשטן שטאק אין א באשיידענעם אידישן הויז וואוינט די פאמיליע פון דריי, וועלכע



איז געקומען דא אין דער פראסטיגער וויסטעניש, צו זוכן אידישע נשמות און אנצינדן זייער פלאם.

אין דעם הויז קען מען זינגען מיט א ריינער אמת'דיגקייט: "מיר מיינען נישט קיין כבוד, מיר מיינען נישט קיין געלט, מיר מיינען דעם באשעפער פון דער גאנצער וועלט". א קליינטשיג מיידעלע בעיבי קריכט ארום, זי פארמאגט נישט צופיל דאגות איבער דער קעלט אינדרויסן, און זי איז נאכנישט גענוג אלט צו פארשטיין אז זי איז דאס איינציגסטע קינד אין דעם גאנצן ראיאן וועלכע וועט אויפוואקסן פרום, און זיך געפינען אין א שטוב פון שומרי תורה ומצוות.

פון דארט גייען מיר אריבער צו דער שול, א קליינעם שילד אינדרויסן לייענט זיך "בית הכנסת – הקהילה היהודית הדתית, אומסק". די ווענט דערציילן אלטקייט, אבער אויך מסירת נפש.

די שול גייט צוריק צו די צייטן ווען די קאנטאניסטן האבן פארכאפט אידישע קינדער מיט צוואנג, און זיי געצוואונגען צו דינען אין מיליטער. די קינדערלעך זענען עלטער געווארן, און אויסגעדינט זייערע יארן אין מיליטער, אבער זייער אידישקייט האט געברענט אין הארץ די אלע יארן, און זייענדיג שרעקליך אומוויסנד איבער אידישקייט, פלעגן זיי נישט שפירן ווי זיי באלאנגען אין די געוויינליכע שולן, דעריבער האבן הייפעלעך פון די געוועזענע סאלדאטן געגרינדעט אייגענע בתי כנסיות, גערופן "סאלדאטקי סינאגאגע", וואס דארין פלעגן זיי זיך צוזאמנעמען און דאווענען. די שול פון די פרומע אידן עקזיסטירט שוין לאנג נישט, נאר די שול האט איבערגעלעבט אלע צייטן. די שול איז געבויט געווארן אין יאר 1855.

די שטאט איז פול מיט אידישע קינדער וואס ווייסן היינט גארנישט נעבעך. מען קען דא האבן 10 שליחים און יעדער וועט האבן ארבעט, די שול דארף רענאוואציעס, עס דרייען זיך מייז דערין, און עס איז זייער אלט. דער רב מוטשעט זיך נאך צוליב וואס ער איז ניי, און ער פארמאגט נאכנישט א שטארקע קהילה מיט מיטגלידער וועלכע קענען ארויסהעלפן מיט אויסגאבן, אבער עס ברענט אין אים א זיכערקייט אז דא גייען פאסירן גרויסע זאכן. דער רב חלומ'ט פון איבערבויען די שול, און אהערשטעלן א אידישן צענטער ווי עס פאסט, מיט א כשר'ן רעסטוראנט, צו מוטיגן די אלע אידן וועלכע היטן ליידער נישט קיין סאך, טראץ זייער ווילן צו ווערן ערליכער, זיי זאלן עסן כשר'ס.

א קליינע געביידע דינט אלס די מקוה, וועלכע איז נישט אין באנוץ צוליב וואס עס איז געווען נאכגעלאזט פאר פינף יאר און די קעלט האט געשאפן לעכער. מען האלט עס אינמיטן רענאווירן. אויך איז פארהאן א קליינעם קלאס צימער וואו מען נעמט צוזאם אידישע קינדער און מען לערנט זיי איבער אידישקייט.

צוויי לאקאלע אידן אין וועמען עס ברענט אידישקייט און תמימות, ווארטן אויפן רב צו לייגן תפילין, איינער פון זיי וועט אונז אביסל ארומוויזן די אידישע היסטאריע פון דער שטאט.

נאכ'ן דאווענען צייגט אונז "שמעון", א

איד מיט א ווארעם הארץ, אז דאס פלעגט זיין אמאל א ווירבלענדע אידישע געגנט. איין געביידע פלעגט זיי א אידישער חדר און עס פארמאגט נאך א טאוול "חדר". יעצט דינט עס פאר אפיסעס פון לאקאלע ביזנעסער.

די הייזער ארום זענען געווען באוואוינט דורך אסאך אידן. ער נעמט אונז צו א געביידע וואו עס פלעגט אמאל זיין א אידישער אפטייק, עס איז נאך ביז היינט א פארמאסי.

איך באמערק גרויסע טאוולען איבער די צוקונפטיגע וואלן אין לאנד, און אויך זע איך אן אינטערעסאנטע זאך, אז די שניי וועלכע איז טייל פון דעם היזיגן לעבן, ווערט גענוצט דורך לאקאלע בירגער אלס מיטל פון קאמוניקאציע. איינער שרייבט אריין אין די פרישע שניי א מעסעדזש אז עס איז זייער גליטשיג, און א צווייטער לאזט וויסן איבער א סערוויס וואס ער טוט מיט זיין נומער. מען מאכט לימאנאדע פון לימענעס...

די גאסן זענען שרעקליך, מען פוצט נישט געהעריג די שניי, קארן פארן אויף שטיקער שניי, ווערן געשטראנדעט, מען ווערט איינגאנצן אויפגעשאקלט ביים ארומפארן אויף די גאסן.

א גרויסע טאוול לאדנט איין יוגנטליכע צו נעמען קאנטראקטן מיט דעם מיליטער, פאר גוט באצאלט. די רוסישע ארמיי פארלירט אסאך זעלנער אויפן פראנט, און פרובירט מיט אלע מיטלען אנצופולן דעם קאנאנען פלייש רעזערוו.

שמעון נעמט אונז צו א געדענקמאל פאר געפאלענע רוסישע זעלנער פון די שלאכטן ביים צווייטן וועלט קריג. עס פארמאגט פיל אידישע נעמען. דאן גייען מיר צו א פאפולערער געביידע וועלכע איז זייער בארימט, זייענדיג געבויט אין דעם פארעם פון א פיאנא. דאס איז די אידענטיטעט און גייט אלעמאל סינאנים מיט אמסק.

שמעון פירט אונז ארום, קומענדיגע לאקאציע צו באזוכן איז דער אירטוש טייך, וועלכער איז די וועלט'ס זיבעטע לענגסטע טייך, פליסנדיג פון קאזאכסטאן ביזן זיך אנשליסן אין אן אנדערן טייך.

איך הער די קאמישע געשיכטע מיט די פלענער צו בויען א מעטרא סיסטעם אין שטאט: מען האט אנגעהויבן גראבן און געמאכט איין סטאנציע, אבער עס איז נישט געווען קיין געלט, און עס איז קיינמאל נישט געגאנגען ווייטער. אנשטאט האט מען געמאכט אן אטראקציע דערפון און מען פארקויפט דארט בילעטן וועלכע פירן נישט אין ערגעץ. עס איז א פאפולערער קאמישער אויסדרוק זיך צו וויצלען אין שטאט דערוועגן, "ווילסט קומען דורך דער מעטרא?"

הארט איידער'ן זמן שבת זענען מיר ארויף צו א איד וועמענ'ס עלטער זיידע איז געווען א אידישער סאלדאט, פארכאפט דורך די קאנטאניסטן. ביי פיל איז עס א געשיכטע אין די היסטאריע ביכער, ביי אים איז עס א פאמיליע היסטאריע. ער איז ליידער נישט ערליך, אבער ער ווערט בעסער און ער באוויליגט צו לייגן תפילין מיט גרויס תמימות, נאכזאגנדיג די ברכה און קריאת שמע ווארט ביי ווארט נאכן רב, ווי א קליין קינד.



## שב"ק פר' יתרו

## שריי'זשע סיביר, גוט שבת...

נישטא דערווייל קיין מנין שבת ביינאכט אין אמסק, און צוליב די עקסטרעמע קעלט, דאוונט דער רב אינדערהיים שבת ביינאכט א ווארעמע דאווענען. עטליכע לאקאלע אידן, אריינגערעכנט שמעון און געארגי – וועלכער האט נערוואס די וואך איינגעשטימט דורכצוגיין א ברית מילה, און אן אנדערע אידישע פרוי פון געגנט, קומען אריבער צום רב פאר א סעודה.

דאס פארפאלק שטעלט צו היימישע און געשמאקע עסן מיט א ברייטקייט, מען זינגט שיינע גזאנגען, און דער רב זאגט דברי תורה אויף רוסיש. דער רב קומט אריגינעל פון קראונהייטס, אבער ער ארבעט שווער זיך אויסצולערנען רוסיש און ער פארמאגט א לערער פון ניו יארק וואס לערנט אים אויס די רוסישע שפראך, ער זאל זיך בעסער קענען באגיין.

דער רב רעדט אביסל צו מיר איבער דעם ענין אז מענטשן מיינען אז שליחים פון חב"ד פארן אלס סערוויס. ער זאגט נאך פון זיין ברודער, א שליח אין ווערמאנט, וועמען מען רופט אפט מיט דער פראגע, "וויפיל רעכנט איר פאר א שבת מאלצייט?".

"דער אומגלויבליכער שריט וואס מיר טוען, איז ווייל מיר האבן ליב אידן און מיר דארפן זיך זארגן פאר זיי. יעדער איד האט א פליכט צו טון פעולות מקרב צו זיין אידן, עס איז נישט קיין אויסשליסליכע זאך צו חב"ד און עס איז נישט קיין אונטערהאלטונג פראיעקט, מיר זענען אין סיביר פונקט ווי ביי די ניאגרא וואסערפאלן פאר בלויז איין צוועק: צו ברענגען אידן נענטער צו אידישקייט".

דער רב רעדט וועגן פון אינדרויסן הערט זיך א ציפעדיגער ווינט אנקלאפן ביים פענסטער. איך פרעג דעם רב איבער דעם לעבן אונטער די פראסטיגע אומשטענדן.

דער רב דערציילט אז דא אין אמסק, גענוי ווי אין מאסקווע און גאנץ רוסלאנד, זענען נישט פארהאן קיין בוילערס אין די הייזער, און מען באקומט הייסע וואסער פון א צענטראל סיסטעם וואס די רעגירונג פירט אן. "צוליב די קעלט, האלט זיך אין איין מאכן אז עס קומט נישט קיין הייסע וואסער, און דאס אפעקטירט אויך די הייצונג וואס ווערט געטריבן פון הייסע וואסער. דאס צו פאררעכטן מיינט אז פאר א ווײלע וועט קומען שווארצע וואסער פון די קראנען, און עס פאסירט צו אפט, אריינגערעכנט היינט פרייטאג".

איך פרעג דעם רב איבער דעם קעלטסטן טאג אין ווינטער דערווייל, און דער רב דערציילט וויאזוי פארלאפענעם חנוכה איז געווארן אזוי קאלט ווי 43- און עס האט זיך געשפירט נאנט צו 50-. אין יענעם טאג האט מען זיך געדארפט אנטון עטליכע שיכטן פון קליידונג, אריינגערעכנט עטליכע הויזן, און עס האט שטארק אפעקטירט די חנוכה פייערונג וואס ער האט אהערגעשטעלט פאר דער לאקאלער אידישער געמיינדע.




די רוסישע מיליטער מיט ריזיגע פלאקאטן אין ווייטן סיביר, זוכנדיג פאר קאנטראקט זעלנער פאר איר אינוואזיע אין אוקראינע

"מיר האבן ארויסגעדינגען א גרויסן זאל, און אויף דער גאס האבן מיר אהערגעשטעלט א גיגאנטישע מנורה וואס דער פריערדיגער רב האט געשאפט. די מנורה איז אזוי הויך אז מען דארף א הייב-מאשין דאס צו דערגרייכן. די פירמע פון וועמען מיר האבן גערדינגען אזא מאשין האט געקענסלט, צוליב וואס זיי האבן זיך געזארגט אז דער מאשין וועט זיך אויסשאלטערן פון דער קעלט און זיי וועלן מיר נישט קענען אראפברענגען.

כ'האב ענדליך אפירגעזוכט אן אנדערע פירמע פאר טייער געלט וואס האט א הייב-מאשין וואס איז ארומגענומען מיט ווארעמע מאטעריאל און איך האב זיי באשטעלט.

"למעשה אינמיטן צינדן, איז דער דזשענערעטאר פון דעם מוזיקאנט געגאנגען שלאפן פון דער קעלט, און מיר האבן נישט געהאט מער קיין ספיקערס, מיקראפאן אדער מוזיק. מיינע הענט זענען אויך כמעט פארפרוירן געווארן, כ'האב עס מער נישט געשפירט, מיר האבן שנעל גערארפט ענדיגן און פארגעזעצט אין זאל. עס איז געווען א הערליכער מעמד, וואו אסאך אידן האבן געזען צום ערשטן מאל און זיך באקענט מיט א יום טוב חנוכה".



די מקוה טהרה אין אמסק אין א נאכגעלאזטן מצב, צוליב וואס די שטאט האט נישט פארמאגט א רב פאר עטליכע יאר וואס זאל זיך אפגעבן דערמיט, און די קעלט האט דאס געשעדיגט. דער נייער רב, האלט דאס שוין אינמיטן רענאווירן

אין די סיבירער פרעסטן האבן מיר זיך אהיימגעיאגט צום האטעל נאך דער סעודה. די גלעזער קען מען נישט טראגן ווייל עס ווערט איין שטיק פארע, און די פייכטקייט ארום די אויגן ווערט אייזיג, קוים וואס מען קען ארויסזען פון צווישן אלע צוגעהערן וואס היטן אפ דעם קערפער פון די בוזשעווענדע טעמפעראטורן.

## צפרא דשבתא אין אמסק

די גאסן ווירבלען מיט לאקאלע פויערן אנגעווארעמט מיט פעלצן, קוטשמעס און פעל פון געווזענע באשעפענישן. עטליכע אידן שפאצירן צו מאכן די איינציגסטע תפילה מיט מנין פון דער גאנצער וואך, אין א שטאט אזוי קאלט.

עטליכע עלטערע אידן ווארטן שוין געדולדיג, דער רב שטעלט מיר פאר איינער פון זיי אלס א געוועזענער סאלדאט אין דער סאוויעטישער ארמיי דורכאויס דעם קאלטן קריג. "איך בין געזעצן אין



אינעווייניג אין דער היסטארישער שול אין אמסק, געבויט דורך אידישע קאנטאניסטן

א סובמארין נעבן קובא און פרובירט אראפצושיסן אמעריקאנער פליגערס", דערציילט דער אלטער.

און אנדערע, אויך מיט א גאר דראמאטישע היסטאריע, דערציילט: "מיין טאטע איז געווען א דאקטער אין א גולאג פאר מענטשן וועלכע די רעגירונג האט פארטריבן קיין סיביר. איך בין אויפגעוואקסן הארט אינדרויסן פון דעם גולאג וואו די רעגירונג האט אונז צוגעשטעלט א הויז".

די שול האט שוין אכצן מענטשן, אבער דער רב הייבט נישט אן. ער ווארט פאר א כשר'ן מנין. ליידער פארמאגט די שול אינפארמאציע אז פיל וועלכע קומען זיך באטייליגן ביים דאווענען זענען פאלנע גוים. מען קען זיי נישט ארויסשיקן ווייל אין רוסלאנד זענען שולן גערעכנט אלס פובליק ערטער, און דאס איז איינער פון די פראבלעמען וועלכע פלאגן די שליחים אין גאנץ רוסלאנד.

איך בין געווארן פארקילט ווי עס דארף צו זיין, זייענדיג אין סיביר ווייניגער ווי 24 שטונדן. איך היס און וויש די נאז, ווען עס קומט צו א איד צו מיר, וואס שטעלט זיך פאר אלס אברהם. ער זאגט אז ער איז א דאקטער, און ער גיבט מיר אן עצה צו טרינקען אסאך וואסער, ווייל איך האב ווארשיינליך א ווירוס, און מיטן טרינקען אסאך וועט עס שנעלער פארלאזן מיין קערפער.

מיר רעדן אביסל, איך פרעג אים אויב ער גייט שטימען פאר פרעזידענט פוטין, ער איז דרייסט און רעדט אמת'דיג – ניין, ער גייט נישט, ער איז זייער פארוייטאגט אויף דער זינלאזער אינוואזיע אויף אוקראינע, "מיר ליידן זיך צוזאם יעדן טאג", קלאגט ער.

איך ווער געוואויר אז דער איד איז א גרויסער גביר, אן אייגנטומער פון א נעץ פון איבער 700 אפטייקן אין לאנד. דער רב שפירט אז ער דארף איבערנעמען דעם יעצטיגן ראש הקהל וועלכער וואוינט א גרויס טייל פון יאר אין ארץ ישראל.

אן אייגנארטיגער מנהג האבן די אידן אין אמסק, אז ווען מען פירט ארום די ספר תורה, ווי אויך נאך יעדע עליה, וואונטשט מען זיך "זיי געזונט". נאך מיין עליה איז יעדער צוגעקומען צו מיר וואונטשן און דרוקן די האנט.

דאס דאווענען איז לאנגזאם און ערנסט,


דער פראכטפולער בית המדרש בית מנחם אין נאוואסיבירסק



טשאטשקעס פון באליבטע פיגורן ווערן פארקויפט אין רוסישע לופטפעלדער. דער געוועזענער פרעזידענט טראמפ פארמאגט דארט א פראמינענטער ארט


ארי ווייזער מיט העסקן ר' יהושע דייטש און דער רב פון אמסק, שטייענדיג נעבן דעם אירטוש טייך אין סיביר

נישטא קיין גליונות צו בלעטערן, מען האלט מיט יעדעס ווארט, און אז איינער רעדט וועט דער רב בעטן מען זאל מיטהאלטן.

ביי מוסף באטראכט איך איין גוי וועלכער דאוונט דא, ער האלט אינמיטן שמונה עשרה, אבער ווען איך שפאציר נעבן אים רוקט ער זיך אז איך זאל קענען דורכגיין... ביי יעדן אמן פון קדיש בוקט ער זיך און ער טוט אלע סארט גרייזיגע אקטן, כ'ווייס באמת נישט וואס די חברה זוכן דא, דער רב זוכט יעדן סארט וועג לויז צו ווערן פון די חברה.

נאכן דאווענען קומט פאר א קידוש. דער רב עסט נישט פון די עסן, צוליב וואס עס ווערט צוגעגרייט אין דער שולע געביידע וועלכע איז דערוויל נישט כשר, אזוי אויך די קאך אין שול דארף מען כשר'ן נאך וואס דער שומר האט זיך דא געדרייט און געניצט די קאך פאר טריפה'נע עסן. די אלע קהילה מיטגלידער האלטן נאכנישט ביי א מצב פון היטן כשרות.

זיי זענען נעבעך אומשולדיג, אויפגעוואקסן מיט עלטערן וואס האבן זיי גארנישט געלערנט. איין אלטער איד טראגט זיין טעלעפאן אין טאש, אנדערע שפירן אז זיי זענען ערליך וויל זיי קומען נאר מיט פובליק טראנספארטאציע און זיי דרייוון נישט שבת. דער רב האט געדולד און פארשטאנד און ער נוצט אויס יעדע געלעגנהייט צו הייבן די אידן וועלכע מאכן שטויגענדע פארשריט, "הלוואי זאלן מיר אזוי שנעל שטייגן אין ערליכקייט ווי זיי", זאגט דער רב.

די סיבירישע אידן שאשקענען וואדקע אן אויפהער ווי עס זאל זיין וואסער, און ווען זיי זעען אז איך טרינק נישט נעמען זיי זיך טרייבן שפאס פון מיר. זיי כאפן נישט וואס עס מיינט אז א מענטש טרינקט נישט.

ביים קידוש בעט איך דעם רב זאל איבערטייטשן מיין פראגע צו דעם געוועזענעם סאלדאט, איבער וואס ער זאגט צו דער יעצטיגער רוסישער מיליטערישער ווירטשאפט. דער רב בעט זיך ביי מיר אז מען קען נישט רעדן פון די זאכן דא, מען ווייסט נישט ווער עס דרייט זיך דא, די לאקאלע רעגירונג ווייסט אלעס, ער ווייסט נישט וויאזוי, אבער אלעס ווייסן זיי.

אויש, ווי שטארק מען דארף דאנקבאר זיין אז מיר קענען רעדן מיט פרייהייט, אן פחד. עס האט מיר ממש נערוועירט, אבער כ'האב אין א וועג הנאה געהאט אז דער רב האלט מיר אין קאנטראל, "אונטער דעם פ וטינעם פארהאנג".

נאכן קידוש דאוונט מען מנחה מיט ווער עס איז נאך געבליבן. מען איז מכבד א איד מיט אן עליה, ער קומט ארויף מיט א שטייפער זיכערקייט און הייבט אויף די תורה הויך, ביז ווען מען איז מסביר זיין טעות און מען צייגט אים די ברכה, שטאפלווייז.

נאכן דאווענען מנחה אנטשולדיגט זיך דער רב אז ער איז אזוי איינגעצויגן, ער איז מיר מסביר אז אפילו אויב וואלט נישט געווען קיין פראבלעם מיט זיכערהייט, איז בעסער אז יעדער זאל שפירן געשמאק צו קומען דאווענען, און די סארט שמועסן מאכן דרוק אויף אלעמען.



אין פאקט באראויגט ער זיך מיט דעם פחד פון רעדן מיט די מעלות וואס עס פארמאגט. "איך שפיר זיך מער זיכער דא ווי אין ניו יארק. אלס בחור פלעג איך ארומלויפן לייגן תפילין אויף אידן, יעדע וואך פלעגט מען אונז נאכשרייען און טשעפענען, אמאל אפילו פיזיש. דא האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט קיין שום אינצידענט פשוט וויל מען ציטערט דא צו טון סיי וואס, די רעגירונג האט מאכטפולע קאנטראל און קיינער טוט נישט אויף דער אייגענער האנט קיין שום זאך.

נאך מנחה גייען מיר צום רב עסן די סעודה פון שבת צופרי. מען קען זאגן מיט א זיכערקייט אז דא אין שטוב געפינט זיך דער איינציגסטער טעפל טשולנט אין גאנץ אמסק, און פיל ווייטער ארום.

דער רב לאדנט מיר נאך דער סעודה צו מאכן א פארברענגען, וואו מיר לערנען אביסל. נאך א קורצע ווילע איז שוין דער זמן. "זומער ווערט מוצאי שבת צוועלף אזייגער ביינאכט", ווארפט דער רב אריין אן אינטערעסאנטע איינצלהייט.

## זונטאג פר' משפטים

# ויסעו מאמסק ויחנו בנאוואסיבירסק

מוצאי שב"ק נאך מעריב און הבדלה האבן מיר זיך איינגעפאקט און געפארן צו דער באן סטאנציע אין שטאט, וואו מיר וועלן מיטלעבן אן ערפארונג פון פארן איבערנאכט אויף א באן מיט א צימער וואס פארמאגט א בעט, כדי צו באטראכטן אביסל דאס אידיש לעבן אין נאוואסיבירסק – די גרעסטע און מערסט-אנטוויקלטע שטאט אין סיביר, מיט א שיינער אידישער קהילה און מוסדות.

וואס עס מאכט עס נאכמער אינטערעסאנט איז, אז נאוואסיבירסק איז נאך א שעה גערוקט פון מאסקווע, וואס דאס מאכט מיר יעצט צוועלף שטונדן אפגערוקט פון ניו יארק.

די באן ערפארונג איז געווען אייגנארטיג, די סטאנציע איז אנגעפולט מיט פאליציי אפיצירן, און מען דארף דורכגיין א זיכערהייט וואך גענוי ווי ביים לופטפעלד און צייגן דעם פאספארט. "דאס פלעגט נישט זיין אזוי אמאל", האט מיר דער רב דערציילט, "דאס איז אלעס זינט דער מלחמה, וויבאלד מען האט מורא פון סאבאטאזש".

נאך עטליכע מאמענטן, פירט מען אונז ארויס צום הונטערשטן טייל פון דער געביידע, וואו עס לויפן די שינעס פון די באנען. אין רוסלאנד, און בכלל אין אייראפע, זענען באנען פיל מער פאפולער אלס טייל פון דעם לעבנסשטייגער, ווי אין אסאך אנדערע מערב וועלט לענדער.

די באנען זענען ספעציעל אהערגעשטעלט צו רייזן פאר לאנגע שטונדן און טעג. מיט רוסלאנד זייענדיג אזוי גרויס אין שטח, קען מען ניטאמאל אנקומען איבעראל מיט עראפלאנען, און צומאל זענען באנען די איינציגסטע אפציע.

די באנען זענען אהערגעשטעלט מיט פיל קליינע צימערן, וואו דארט קען מען זיך לייגן שלאפן פאר דער נאכט, בשעת מען

שלענגלט זיך אין די וויסטענישן פון סיביר, דורך הונדערטער מיילן פון אומבארירטע טעריטאריע, מיט ביימער, שניי און פוקסן, מיילן פון שטילקייט און שטחים פון גארנישט.

מיר זענען אנגעקומען ארום אכט אזייגער אינדערפרי, די ווינטער טונקלקייט האט נאך באהערשט דעם ראיאן, עס ווערט נאר ליכטיג שפעטער. די באן האט אונז אויסגעשפיגן ביי דער סטאנציע אין נאוואסיבירסק, וואו מיר האבן געכאפט א טעקסי ביז צום סאמע צענטער פון שטאט, דארט וואו עס געפינט זיך דער לאקאלער פארלאמענט און די בנינים פון אלע לאקאלע רעגירונגס אגענטורן ווי די פאליציי, מיליטער, שפיאנאזש און אזוי ווייטער.

נאוואסיבירסק איז א ריזיגע אהערגעשטעלטע שטאט, די גרעסטע שטאט אין סיביר, וואו פיל אידן וואוינען אן וויסן איבער זייער אפשטאם.

די געביידע וואס די קהילה פארמאגט, שטייט אויף א שטח וואס די לאקאלע רעגירונג האט געגעבן אומזיסט, נאך וואס די אלטע שול איז געווארן איבערגעפאלן און וואנדאליזירט אין א פאגראם.

דער רב פון שטאט, הרב שניאור זלמן זאקלאס, געפינט זיך שוין דא אן פריינט, אן מענטשן וועמען ער קען, אן פאמיליע מיטגלידער וועמען אריבערצורופן פאר שבתים, פאר העכער 25 יאר. ער פארמאגט א פאנטאסטישע געשיכטע הונטער זיין קאריערע צו וועלכער מיר וועלן זיך נאך אי"ה אומקערן איין טאג.

מיר גייען ארויף צו זיין הויז פאר א קאווע. פונקט קומט אן נאך א גאסט, א מגיד פון סט. פעטערבורג, וועלכער וועט היינט רעדן פאר די קלאסן וואס די קהילה שטעלט אהער פאר אידישע פרויען זיי צו שטארקן אין אידישקייט.

נאך עטליכע מינוט טרינקען א ווארעמע קאווע אין דעם פראסטיגן וועטער, האט זיך משה'לע – דער זיבן יעריגער אינגעלע פון דעם שליח – דערוועקט און ער איז ארויסגעקומען, עפענענדיג זיינע אויגן ברעמען ברייט זעענדיג א גרופע פון חרדישע אידן אין זייער קאך.

זיין טאטע האט דאן געשילדערט אז זיין זון האט נישט קיין חברים, ער לעכצט פאר פריינט, דעם גאנצן טאג רעדט ער און חלומ'ט ער פון א חבר. דער אינגל איז געווען אזוי פרייליך אונז צו זען אז ער איז געקומען צו אונז נאכאנאנד צייגן בילדער, שמאנצעס, מיט א הונגער פאר אויפמערקזאמקייט. מיר האבן אים געגעבן די וועלט'ס צייט און הנאה געהאט אז מיר קענען איבערלאזן אביסל חיזוק אין שטאט.

דער רב האט דאן גערעדט איבער דער שוועריקייט פון געזעלשאפט, אז זיין קינד האט נישט קיין געהעריגער חדר וואו צו גיין. פון איין זייט מאכט עס אז די קינדער זאלן זיין זייער נאנט מיט די עלטערן, אבער פון דער צווייטער זייט איז נישטא געהעריג קיין פראגראם, און די קינדער פארלאזן די היים פון די עלטערן ווען זיי ווערן 13-14 יאר. "דאס איז דער גרעסטע מסירת נפש, מער פון אלעם, מער פון וואוינען פאררוקט



און איזאלירט אין דער קעלטסטער שטאט אין דער וועלט".

דערנאך זענען מיר אריבער צום אידישן צענטער "בית מנחם", וועלכער פארמאגט א כשר'ן רעסטוראנט, מקוה טהרה און אלע אנדערע צוגעהערן וואס פעלט זיך אויס פאר אידן. אין רוסלאנד באטראכט מען רעסטוראנטן אלס טייל פון דער געוואלדיגער אידישקייט אפעראציע. מער ווי קוקן דערויף ווי אן איינקונפט, שטעלט מען צו כשר'ע עסן פאר אידן, און די רעסטוראנטן זענען טייל פון דעם בודזשעט פון דער קהילה, טיילמאל זייענדיג א פארלוסט מיט יעדן טאג וואס עס איז אפן, אפפערנדיג ביליגע צוגענגליכע פרייזן אז עס זאל ציען אידן צו עסן כשר'ס.

פון דארט זענען מיר אריבער צו דער נייער שולע געביידע וועלכע איז געבויט געווארן אין די לעצטערע יארן, וואס פארמאגט אויך אן אפטיילונג פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן. מיר האבן דארט געטראפן דעם רוסישן סענאטאר וועלכער פארטרעט נאוואסיבירסק אין דער רוסישער דומא, וועלכער איז פונקט געקומען זען דעם נייעם שווים-באסיין וואס מען האט דארט באנייט.

ערגעצוואו האב איך געכאפט מיטן רב א שמועס איבער דער לאגע אין לאנד אין רעזולטאט פון דער מלחמה קעגן אוקראינע. ער האט געענטפערט ווי אלע אנדערע רוסישער בירגער וועמען איך האב געפרעגט די פראגע, "אז מען איז נישט אריינגעטון אין די נייעס..." הערשט נאכן גראבן א שטיק צייט וויקלט זיך אויף דער ווייטאג וואס ליגט פארבארגן.

דער רב זאגט מיר אז ער דארף זייער אכטונג געבן וואס ער רעדט, און אז ער ווייסט פאר א פאקט אז די עף-עס-בי, וואס איז דער היינטיגער נאמען פון דער אמאליגער קע-גע-בע [קעי-דזשי-בי], פארמאגט ביי אים אין בית המדרש אן איינגעפלאנצטער אגענט. ער וויל נישט ארויסגעבן וויאזוי ער ווייסט, אבער עס איז קלאר אז עס איז פארהאן א שטארקער קאנטראל אין לאנד, און מען האלט אן אויג אין אלע ווינקלען, ספעציעל ביי פראמינענטע מענטשן מיט נאכפאלגער. אין פאקט וויל אים דאס לאנד נישט שענקען קיין בירגערשאפט שוין העכער 20 יאר, מען האט שוין אלעס פרובירט.

פון נאוואסיבירסק זענען מיר צוריקגעפארן קיין מאסקווע. דער פליגער איז געווען אנגעפולט מיט רוסישע זעלנער, און מיר האבן מיט דער נסיעה צובאקומען פיר שעה אין דער נאכט.

### מאנטאג פר' משפטים

## א באזוך אין דער מוזעאום פון טאלעראנץ

צומארגנס מאנטאג האבן מיר אריינגעכאפט דעם אונטערשטן גאנצן טאג אין מאסקווע.

צוערשט זענען מיר גענומען געווארן צו דער "מוזעאום פון טאלעראנץ" וואס די קהילה האט געלאזט בויען פאר דער אלגעמיינער באפעלקערונג צו לערנען איבער אידן. די מוזעאום איז



בילדער פון פרעזידענט פוטין מיט אידישע שלוחים הענגט פראמינענט אין דער שול אין נאוואסיבירסק



אידישע נשמות אינעם פארווארפענעם סיביר, קלויבן זיך צוזאם צו דאווענען שחרית אין דער שול אין נאוואסיבירסק




פארנט פון דער הערליכער געביידע פאר אידישער חינוך וואס דער רב האט אויפגעבויט מיט בלוט און שוייס אין דער שטאט נאוואסיבירסק. די געביידע איז א פראכט אין יעדן הינזיכט

אהערגעשטעלט געווארן דורך די מערסט-פארגעשריטענע און סאפיסטיקירטע מוזעאום ארכיטעקטן, פול מיט פראגראמען און ציענדע אונטערהאלטונג איבער דעם אידישן פאלק, פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט ביז היינט צוטאגס.

די מוזעאום פארמאגט אפטיילונגען איבער דעם אידישן לעבן אונטער די קאמוניסטישע נעגל, היסטאריע, די וועלט מלחמות, ביז צום היינטיגן טאג ווען דער רוסישער פרעזידענט ערלויבט אידישקייט אין לאנד. א ריזיגע פארשטעלונג צייגט פארשידענע מאמענטן מיטן רוסישן פרעזידענט וולאדימיר פוטין און זיינע פארבינדונגען מיט דער אידישער געמיינדע אין רוסלאנד. די מוזעאום פארמאגט אויך פיל אריגינעלע דאקומענטן אין דער אידישער שפראך, ווי די קאנסטיטוציע פון בעלארוס אויף דער אידישער שפראך אין די צייטן וואס אידיש איז געווען איינע פון די פיר אפיציעלע שפראכן אין לאנד. די מוזעאום קען ווערן באשריבן אין א באזונדערן ארטיקל ועוד חזון למועד.

דער זעלבער ארבעטער האט זיך אויך אפגערעדט אז רוסלאנד איז אין א שווערער צושטאנד, ער האט זיך אפגערעדט אז אין רוסלאנד אויב מען גנב'עט קליין געלט גייט מען אין טורמע, און נאר ווער עס גנב'עט גרויס געלט, דער ווערט פארוואנדלט אין א גרויסער קנאקער אין לאנד, און אז פוטין שטעלט אריין זיינע גאווערנארן אין יעדער שטאט, וועלכע מוזן שיקן געלט צו מאסקווע, דעריבער וועט מען זען אז נאר עטליכע גרויסע שטעט זענען שיין, אבער אין גאנץ רוסלאנד זענען זאכן זייער צוריקגעשטאנען און מען לעבט אין ארעמקייט מיט נאכגעלאזטע אינפראסטראקטור.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צום הויפט רב פאר אונזער צווייטע אויפנאמע, צו ענדיגן אונזער שמועס, און ברענגען א גייסטרייכן גריס פאר די לייענער פון "מאָמענט". דער רב האט מיר דערציילט אז ער גייט באלד צום קרעמלין זיך טרעפן מיט די רוסישע רעגירונגס באאמטע און שתדל'ן פאר די משכונות אין עזה. פארשידענע זאכן קומען פאר אויפן טיש, דער רב האט מיר געזאגט אז ער פרובירט זייער שטארק אז איך זאל קענען מיטקומען, אבער דערווייל האט דער קרעמלין קאטעגאריש

אויף דער שיף, באגריסן מיר ר' מנחם מענדל ווילענסקי הי"ו, דער אנפירער פון יחד, וועלכער שטייט און באגריסט אלע יוגנטליכע. טייל זענען אויס גאר ווייט פון אידישקייט און זיי פארמאגן טאטוען.

ר' יהושע רופט זיך אן מיר, "דא ארבעט מען אויף אידישע נשמות אויף אן אפאראט וואס איז נישטא אין דער גאנצער וועלט. דער רב קימערט זיך מיט יעדן, ער הייבט זיי אויף פון די מיסט און ברענגט זיי נענטער צום אויבערשטן". דאן געבט ער אויפמערקזאמקייט פאר איינעם וואס איז אריינגעקומען, וואס בלויז פארגאנגענע וואך איז ער דורכגעגאנגען א ברית מילה אין דער עלטער פון 31 יאר.

דער הויפט-רב הרב לאזאר און זיין רעביצין ערשיינען, עס שפילט היימישע נגינה, מען שטעלט צו א ריזיגן אויסוואל פון כשר'ע עסנווארג, און די שיף לאזט זיך ארויס ווען ביי ביידע זייטן באווייזן זיך אויג-פארכאפנדע פאנאראמעס פון דער הויפטשטאט, באלאכטענע בריקן, קאלירפול באלאכטענע ביימער און גרויסע רעגירונגס געביידעס.

דער הויכפונקט פון דער נאכט איז דער אויפטריט פון צוויי געוועזענע משכונות וועלכע זענען געווען אין געפענגעניש ביי כאמאס. זיי זענען רוסיש אפשטאמיגע מיט רוסישע בירגערשאפט, און זיי זענען געווארן באפרייט דורך דער טעראר גרופע אלס אנערקענונג צום רוסישן פרעזידענט וולאדימיר פוטין.

זיי האבן זיך אונטערגענומען צו היטן שבת און ווערן ערליך נאך זייער געשיכטע. דער רב וועלכער ארבעט זייער שווער פאר דער באפרייאונג פון א פאמיליע מיטגליד וועלכער איז נאך פארכאפט אין עזה, האט זיי פארבעטן צו דערציילן זייער געשיכטע פאר די יונגע רוסישע נשמות, האפנטליך דורכדעם זיי צו אינספירירן איבער שבת און זיי ברענגען אביסל נענטער צו אידישקייט.

נאך דער רעדע פון די משכונות, זאגט מען אינאיינעם א קאפיטל תהלים. א גרויסער טייל פון די באטייליגטע זאגן א קאפיטל תהלים צום ערשטן מאל אין זייער לעבן.

דערנאך איז דער רב ארויף אויפן פאדיום און ער האט אדרעסירט די יוגנטליכע מיט א שמייכל, רעדנדיג זייער שפראך. דער אטמאספער איז געווען אנגענעם, דער רב האט געמאכט די יוגנטליכע לאכן אויפן קול עטליכע מאל און זיי געמאכט שפירן גוט פארן אנטיילנעמען, רופנדיג זיי זאלן זיך אנשליסן אין די יחד באוועגונג אקטיוויטעטן.

נאך דעם אוונט אויף דער שיף, זענען מיר געפארן צו א גרויסן האטעל וואס איז דאס אייגנטום פון א איד וועלכער שטיצט די אידישע קהילה מיט אסאך געלט, און ער איז אויך דער אייגנטומער פון דער קרוז שיפן פירמע וואו דער אוונט איז פארגעקומען. ער האט געשאנקען די קרוז שיף פארן רב פריי פון אפצאל.



דער האטעל פלעגט איידער דער אינוואזיע הייסן "דער אוקראינע האטעל", און אצינד האט זיך געטוישט דער נאמען צו "דער רעדיסן האטעל".

דארט אין האטעל האבן מיר באקומען די געלעגנהייט צו הערן פון די משכונות זייער ערפארונג און די שרעקליכע איבערלעבענישן אין געפענגעניש ביי כאמאס. מיר האבן מיט זיי גערעדט פאר העכער צוויי שטונדן, באקומענדיג א פארשטאנד און געפיל צו זייער דורכגאנג. מיר האבן זיי געוואונטשן אסאך הצלחה אין זייער צוקונפטיגער באגעגעניש מיטן רוסישן פרעזידענט, און אז זיי זאלן שנעל זען די באפרייאונג פון זייער פאמיליע מיטגליד.

פון דארט זענען מיר געגאנגען זיך לייגן. מיר האבן זיך ענדליך איינגעגלידערט מיטן רוסישן זייגער, פונקט א גוטע צייט צוריקצופארן און נאכאמאל פארדרייען די יוצרות...

דינסטאג צופרי האבן מיר געמאכט אונזער וועג צום וואנאקאווע לופטפעלד, אויף אונזער וועג קיין טערקיי, פארלאזנדיג דאס לאנד מיט ערשטוינונג אויף וואס מיר האבן געזען, מיטנעמענדיג א לעקציע וואס עס מיינט אהבת ישראל, אויף א רוסישן פארנעם.

דער טאג נאכן לאנדן אין דזשעי-עף-קעי האב איך זיך געדארפט ספראוועון מיט בושות, ווען באזוכנדיג א טאג נאך דער רייזע אין א יו-פי-עס געשעפט, האלטנדיג נאך א וואך פארברענגען אין רוסלאנד, איז מיר געלעגן אויפן צונג עטליכע רוסישע ווערטער, און איך האב זיך אומכאפנדיג באדאנקט אויף רוסיש, "עספאסיבא"...

"עספאסיבא?!" פרעגט מיר דער ארבעטער צוריק מיט וואונדער... ■

**די נסיעה איז געווען פארמישט מיט אסאך שוועריקייטן, זארג און מאטערניש, מיר ווילן דעריבער נעמען די געלעגנהייט אפצוגעבן א דאנק צום באשעפער וועלכער האט אונז געהיטן פון אלעם בייזן.**

**ווי אויך, דארפן מיר ווידמען עטליכע שורות פון אנערקענונג צו מיין חשובע ווייב און קינדער וועלכע האבן זיך איבערגעגעבן פאר דער הצלחה פון דער רייזע.**

**אחרון חביב, א גרויסן דאנק מיט פיל הכרת הטוב פאר דער גאנצער "מאָמענט" רעדאקציע אין שפיץ פון די ראשי המערכת, הרה"ג ר' משה אליעזר ליבערמאן און ר' צבי ווייס וכל החבריא קדישא, העסקן הרב יהושע דייטש פון מאסקווע, הרב וועלוול שמעלצער, און רעביצין זאלמאנאוו פון קראונהייטס, וועלכע האבן אונז געהאלפן מיטן ארגאנזשירן אלע איינצלהייטן, דעטאלן און לאגיסטיק פון דער אונטערנעמונג.**